ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# אגרת הרמב"ן

אידיש

**648**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר
# אגרת הרמב"ן זצ"ל

עם העתקה בלשון עברי טייטש הנקראת בשם

## פתשגן הכתב

וגם פירוש ודרשות ודברי מוסר ויראת שמים לחזק את האמונה הנקראים בשם

## יד האמונה

ממני הצעיר **ישכר דוב טייכנער** מעיר וויען.

דער אגרת פון רבינו הרמב"ן זצ"ל איז איבערגעזעצט געוואָרען פון לשון הקודש אויף עברי טייטש און אויך דאָס ספר „יד האמונה" איז געשריעבען געוואָרען אויף עברי טייטש כדי יעדער זאָל קענען לעזען און זאָל פערשטעהן די גוטע און פרומע זאַכען וואָס זיי זענען דאָ געשריעבען דאַדורך וועט מען זוכה זיין צו האָבען כל טוב בעולם הזה און בעולם הבא.

לפרט **שפע וברכה** לפ"ק.

Nachdruck verboten.

Verfasser Rabbiner Beer Teichner, Wien.

# כתבי תעודה

מאת כבוד הרב הגאון המפורסם עט״ת
הגולה משיב לשואליו דבר ה׳ כש״ת מו״ה

## משה מייזילש זצ״ל

האבד״ק פרעמישלא.

בשם השם

איקלע לאתרין כבוד הרב החריף ובקי משנתו סדורה לו ירא ושלם כ״ש מו״ה ישכר דוב טייכנער נ״י מק״ק טארנא אשר כבר סמכתי אותו בסמיכת חכמים זה כמה שנים טרם השערורית ונאבד מאתו הכתב הורמנא ע״כ בא לפני ובקש ממני אשר אתהה על קנקנו גם עתה לראות אם לא שכח ההלכות ונסיתי אותו במידי שישנו בשאלה ומצאתי אותו נאמן לד׳ ולתורתו בימי קדם קדמתה לכן בל אמנע פרי עטי להגיד לאדם ישרו כי בקי הוא בהוראה ביתר שאת ויתר עוז ע״כ כל מן הלין יורה יורה וכו׳ והוא ראוי לאותו אצטלא להיות רב בעיירות הכשרים והחרדים לדבר ד׳ וגם ראיתי כי נתנו עדיהן ויצדקו דבני זמנינו עליו אשר רשות לו להורות הוראת ע״כ כל מן דין סמוכו לנא ולמען שתהי׳ לאות על ידי׳ באתי על החתום לאשר ולקיים בל הנ״ל היום יום ב׳ נצבים וילך שנת מלך דובר שלום לפ״ק פה פרעמישלא.

**הק׳ משה מייזילש**
בהגאון מוהריה״ל זצ״ל האבד״ק פרעמישלא.

מאת כבוד הרב הגאון המפורסם ערוגת
הבושם הצדיק כש״ת מו״ה

## נחום שלעזינגער זצ״ל

האבד״ק גר. טאפאלטשאן והגליל (אונגארן)

בע״ה

נוצר תאנה יאכל פריה ואוהב ושומר תורתנו הקדושה התהלה והתפארת לו למורשה על כן לא אחשוך את פרי עטי לכבוד ידידי והביבי הרב הגדול בתורה מופלג בחריצות ובקיאות אוצר בלום כש״ת מו״ה ישכר דוב טייכנער נ״י מק״ק טארנא הנה מכיר אני את האיש ואת שיחו זה כמה שנים וכמה פעמים השתעשעתי עמו ומצאתי שידיו רב לו בסוגיות הש״ס ובספרי הפוסקים ראשונים ואהרונים יורד לעומק ההלכה ויודע לדמות מלתא למלתא בסברא ישרה ודרך סלולה והיום בא לפני ובקש ממני לעטרו בעטרת התרה ואחרי כי צדקת לבבו יהין מדותיו צמודות הם עם פניני חכמתו ורב ידיעותיו לכן לא אמנע טוב מבעליו וגם לא אכביר מלין ואבוא בקציר דאומר גברא יקירא כהאי מלא וגדוש בתורה המוכתר במעלות יקרות יורה יורה ידין ידין יגדיל תורה ויאדיר בקהלה נאה והסידה יהי׳ הבל נחלתו מאד ישגה אחריתו כפלים מראשיתו ויגידו בשערים המצוינים בהלכה תהלתו

בעה״ח י״ט כסלו תרע״ח לפ״ק
גר. טאפאלטשאן תע״א.

**נחום שלעזינגער**
רב ד״ק גר. טאפאלטשאן והגליל.

# הסכמה

מכבוד הרב הגאון המובהק המפורסם פאר הדור כש״ת מו״ה **חיים געלערנטער**
אבד״ק קוטב והגליל החונה כעת פה ווינן, המחבר ס׳ פרי עץ חיים ס׳ שמחת החג
ס׳ עונג חיים לשבת וס׳ הכתיב לחיים.

בעזר אלקים חיים.

הן בא אלי ידידי האברך במדרשו הרב החריף ובקי מאד נעלה מו״ה יששכר דוב טייכנער נ״י והראה לי את המחברת „אגרת הרמב״ן״ זצ״ל עם „פתשגן הכתב״ וגם ספרו „יד האמונה״ אשר הוסיף מדליו דרשות ודברי מוסר להלהיב את לבות אחב״י כי יאמינו בה׳ ובתוה״ק והוא רעיון נשגב מאד כי האמונה כוללת כל התרי״ג מצות שבתורה כמו שאחז״ל (מכות כ״ד א׳) בא חבקוק והעמידן על אחת שנאמר וצדיק באמונתו יחי׳ והיא מאגדת ומקשרת את כל קהל עדת ישראל בקשר אמיץ שלא יפרד איש מעל אחיו ואיש אל רעהו יאמר חזק לכו ונלכה באור ה׳ ויעבדו בכל לב ונפש, לכן אמרתי לפעלא טבא יישר ותהי׳ השורה הזאת לעדה שאני מסכים שהספר הנזכר יעלה על מזבח הדפוס, ומעמקי לבבי הנני לברכהו כי יתקבלו דבריו באהבה וברצון בקרב ישראל. הבו״ה יום א׳ לסדר הנני נותן לו את בריתי שלום לפרט חיים וברכה ושלום פה ווינן.

**חיים געלערנטער**
אבד״ק קוטוב והגליל

שאר כתבי תעודה והסכמות לא נדפסו מחמת הוצאות הדפוס.

# הקדמה.

דער נאָמען פֿון רבינו הרמב"ן זכרונו לברכה איז בעקאַנט אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט מחבר געווען וועלטבעריהמטע ספרים אויף דער תורה און אויף דער גמרא און שאלות ותשובות. — חוץ דעם איז זיין באַריהמטער נאָמען בעקאַנט פֿון דער וועלטגעשיכטע, — זיין נאָמען איז געווען "ר' משה בר' נחמן" [ראשי תיבות "רמב"ן]. ער האָט געלעבט פֿאַר זיבען הונדערט יאָהר אין שפּאַניען, און איז געוועזען אַ גרויסער גאון, אַ גרויסער צדיק וקדוש און האָט אויך באַהערשט פֿערשידענע שפּראַכען און האָט אויך געקאָנט פֿיעל הכמות. — אין זיין צייט האָבען די כומרים מיט דעם קעניג געוואָלט די יודען צווינגען זיי זאָלען זיך ח"ו כופר זיין, און דעמאָלט איז אויך געוועזען אַ משומד וואָס האָט פֿערעפֿענטליכט אַז ער וויל האָבען אַ וכוח מיט די גרעסטע הכמים פֿון די יודען און וועלכען מען וועט באַזיגען, דער זאָל מוזען אָננעמען דעם גלויבען פֿון דעם באַזיגער. — קיינער האָט נישט געוואָלט האָבען דעם וכוח מיט דעם משומד נאָר רבינו הרמב"ן ז"ל האָט מיט דעם רשע דעם וכוח אָבגעהאַלטן און דער היילינער רמב"ן האָט דעם רשע באַזיגט. דערפֿאַר האָט מען די יודען די פֿרייהייט געגעבען אַז זיי מעגען די היילינע תורה און מצות האַלטען, נאָר פֿיעל שונאי ישראל זענען דאַדורך דעם היילינען רמב"ן געוואָרן גרעסערע שונאים און ער האָט דערפֿאַר געמוזט פֿאַרלאָזען די מדינה פֿון שפּאַניען. דעמאָלט איז ער זיבציג יאָהר אַלט געווען און דאָך האָט ער געמוזט זיין נע ונד ביז ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, און ווען ער איז דאָרט געווען אין דער שטאָט "עכו" האָט ער געשריבען דעם "אגרת הרמב"ן" צו זיין זוהן אין וועלכען ער האָט איהם בעלערנט ווי אַזוי ער זאָל זיך פֿיהרען צו געהן בדרך הישר, און האָט איהם אויך געוואָרנט אַז ער זאָל דעם בריעף אָפֿט לעזען און זאָל דאָס אויך מיט אַנדערע לערנען און האָט צוגעזאָגט אַז דאַדורך וועט מען מצליח זיין אין אַלע וועגן. [און אַזוי שטעהט אויך אין ספר מדרש פנחס פֿון דעם גרויסען צדיק ר' פנחס פֿון קאָרץ ז"ל, עס איז אַ סגולה צו פּרנסה צו זאָגען דעם "אגרת הרמב"ן" ז"ל דאַדורך וועט מען געענפֿערט ווערן

# הקדמה

מן השמים צום גוטען]. דערפאַר דאַרף יעדער עהרליכער יוד דעם בריעף לעזען יעדען טאָג און איהם אויך מיט אַנדערע לערנען און מקיים זיין וואָס אין דעם אגרת שטעהט געשריבען, ובזכות זה וועט מען געהאָלפען ווערן מן השמים אַזוי ווי דער היילינגער רמב"ן ז"ל האָט מבטיח געוועזען.

איך האָב דעם בריעף איבערגעזעצט אויף עברי טייטש, כדי יעדער זאָל איהם פערשטעהן. אויך האָב איך דאָ געשריבען מיין ספר "יד האמונה", דאָס האָב איך בעהשי"ת מחדש געוועזען און אויך צוזאַמענגענומען פון היילינגע ספרים צו ערקלערן דעם "אגרת הרמב"ן" און נאָך מאמרים פון דער היילינגער תורה מען זאָל דאַדורך קומען צו גוטע און פרומע מדות און צו בעפעסטינגען די אמונה צו השי"ת און צו זיין היילינגער תורה. — און איך האָף צו השי"ת אַז איך וועל מיט דעם זיין מזכה את הרבים און דער זכות פון רבינו הרמב"ן ז"ל וועט אויף אונז מגין זיין.

דער נאָמען פון מיין ספר איז **"יד האמונה"** אַזוי ווי עס שטעהט אין דער תורה הקדושה (פ' בשלח) ויהי ידיו אמונה וגו', און מיין גאַנצע כוונה מיט דעם ספר איז מחזק צו זיין אונזער היילינגע אמונה, און דאָס וואָרט "יד" איז ראשי תיבות "ישכר דוב".

דברי המצפה לישועת ה' ולהרמת קרן האמת והאמונה כו"ה פה וויען יום ה' לסדר חקת התורה תרפ"ג לפ"ק.

## ישכר דוב טייכנער

בן הרב המופלג בתו"י ר' אהרן שליט"א היושב באה"ק תבב"א
ובן לאמו הצנועה וההשובה מרת מרים תהי' נבדת הרב
הגה"צ הנקרא ר' אביגדר חריף זצ"ל שהי' ראב"ד ומ"מ
בק' טארנא תע"א.

# דרוש בענין ענוה.

יען כי עיקר אגה"ת רבינו הרמב"ן ז"ל הוא להזהיר שתהי' לכל אדם מדת הענוה לכן הנני להציג בזה מה שדרשתי בענין הענוה בגמרא (עירובין דף י"ג ע"ב) דב"ש וב"ה פליגי אם נוח לו לאדם שנברא או שלא נברא, נמנו וגמרו נוח לו לאדם שלא נברא משנברא ויש להבין ב"ש וב"ה במאי פליגי וי"ל דכ"א לשיטתי' אזיל ואקדים מ"ש המהרש"א שם לפרש מה דמבואר שם נמנו וגמרו נוח לו לאדם שלא נברא משום שיש בתורה רמ"ח מ"ע ושס"ה ל"ת נמצא דהאדם הוא קרוב להפסד ורחוק משכר, כי יותר יזדמן לידו אחד מהשס"ה ל"ת שהם מרובין יותר מרמ"ח מ"ע וכיון שמנו את מספר המ"ע ומספר הל"ת וראו שמספר הל"ת הם יותר לכן גמרו לומר דנוח לו לאדם שלא נברא עכ"ד. ויש להבין מאי טעמא דמ"ד נוח לאדם שנברא וי"ל עפ"מ דמבואר בגמרא (קידושין דף ל' ע"ב) אמר הקב"ה בראתי יצה"ר בראתי תורה תבלין ר"ל דלימוד התורה הוא מבטל את היצה"ר וכן מבואר בגמרא (ע"ז דף ה' ע"ב) בזמן שישראל עוסקים בתורה יצרם מסור בידם [וכה"ג מבואר בגמרא (שם דף י"ז ע"ב) דהתורה תשמיר את האדם מדבר זימה] ולפ"ז נמצא דהאדם הוא קרוב לשכר ורחוק מהפסד כיון שיכול לעסוק בתורה, ואז ינצל מן העבירות, וא"כ את הרע לא יקבל ואת הטוב יקבל.

והנה תנן (אבות פ"ב) „יפה ת"ת עם דרך ארץ שיגיעת שניהם משכחת עון" ויש להבין למה דוקא ביגיעת שניהם משכחת עון ולא ביגיעת אחד מהם, וי"ל עפ"מ דתנן (שם פ"ו) דהתורה נקנית בענוה וגם מבואר בגמרא (עירובין דף נ"ד ע"א) ממדבר מתנה אם אדם עושה א"ע כמדבר אז התורה נתנה לו במתנה [וכן כתבו המפורשים לפרש מה שאנחנו אומרים בתפלה „ונפשי כעפר לכל תהי' פתח לבי בתורתך" ר"ל דאם תהי' נפשי נמוכה כעפר אז יפתח ה' לבי בתורה משום דהתורה נקנית ע"י ענוה כנ"ל]. ובזה יתבאר הא דתנן „יפה ת"ת עם דרך ארץ" ר"ל שהתורה היא יפה דוקא אם היא עם דרך הארץ דהיינו עם ענוה שנמשלה לעפר הארץ „שיגיעת שניהם משכחת עון" דדוקא אם התורה היא ביחד עם ענוה אז משכחת עון כאמור.

# דרוש בענין ענוה

והנה מבואר בגמרא (שבת דף ל״א ע״א) דהלל הי׳ עניו מאד ולא הי׳ אדם יכול להקניטו, משא״כ שמאי, וי״ל דפליגי בהא דמבואר בגמרא (סוטה דף ה׳ ע״ב) דת״ח יהי׳ לו שמינית שבשמינית ומסקינן בגמרא שם להלכה לא מינה ולא מקצתה וכתוב בספר ערבי נחל (דרוש לשה״ג) דפליגי בפלוגתא דמצינו בגמרא (בכורות דף ג׳ ע״א) אם מלת „כל״ כולו משמע או מקצתו משמע דמצינו הרבה פעמים בכתוב דמלת „כל״ משמע כולו ומצינו ג״כ דמשמע מקצתו [כדכתיב (מ״ב ד׳) אין לשפחתך כל בבית] ולכן איכא מ״ד דת״ח יהי׳ לו שמינית שבשמינית אע״ג דכתיב תועבת ה׳ „כל״ גבה לב, מ״ד זה סובר דמלת „כל״ כולו משמע והיינו דדוקא כולו גבה לב היא תועבת ה׳ אבל מקצתו מותר, ומ״ד לא מינה ולא מקצתה הוא סובר דכל מקצתו משמע והיינו אפילו מקצת גאוה היא ג״כ תועבת ה׳ ובזה פליגי שמאי והלל דשמאי סבר כמ״ד דת״ח יהי׳ לו שמינית שבשמינית והלל סבר דאפילו מקצת גאוה ג״כ אסורה.

ועפ״ז הדברים האלה יתבאר הפלוגתא דב״ש וב״ה בגמ״א (עירובין הנ״ל) דשניהם לשיטתם אזלו, דב״ה ס״ל נוח לאדם שלא נברא משום דהל״ת מרובין מהמ״ע ואע״ג דהתורה מצלת את האדם מלעבור על הל״ת היינו דוקא למי שהוא עניו מאד וכיון דרוב בני אדם יש להם מעט גאוה שוב אין התורה מצלת אותם מן העבירות וא״כ נוח להם שלא נבראו אבל ב״ש סברו דשמינית שבשמינית לא הוי בכלל גאוה וא״כ אם האדם יעסוק בתורה אף אם לא יהי׳ עניו מאד ג״כ ינצל מן העבירות ושוב הוי האדם רחוק מהפסד וקרוב לשכר ולכן ס״ל דנוח לאדם שנברא. אמנם נמנו וגמרו נוח לו לאדם שלא נברא משום דהלכה כב״ה שלא יהי׳ לאדם גאוה כלל ודוק.

זכרה אלקי לטובה לז׳ הצנועה מרת עטיא הי׳ תחי׳ ולבני היקר אביגדר מנחם שיחי׳ השי״ת יזכני לגדלו בדרכי התורה והיראה ובכ״ט אמן.

# אגרת הרמב"ן זצ"ל

**האגרת הזאת שלח הרמב"ן ז"ל לבנו מעכו לקטלוניא על הענוה וצוה לו שיקראה פעם אחת בשבוע וילמדו גם אחרים עמו ויהיה רגיל בה בעל פה כדי לחנכם בילדותם ביראת שמים.**

## פתשגן הכתב

דער בריעף איז פון רבינו הרמב"ן זכרונו לברכה ער האט דעם בריעף געשיקט פון עכו קיין קטלוניא צו זיין זוהן וועגען ענוה [דאס הייסט דער מענש זאל ביי זיך גידריג זיין] און האט איהם געווארנט ער זאל דאס לעזען איינמאל אין דער וואך און דאסזעלבע אויך מיט אנדערע מענשען לערנען מען זאל אלעס וואס דא איז בעשריעבען אויסענווייניג געדענקען כדי מען זאל געוועהנען די קינדער אין דער יוגענד [א] צו יראת שמים.

---

## יד האמונה

[א] בכדי מען זאל פערשטעהן די כוונה פון דעם הייליגען רמב"ן ז"ל שרייב איך דא וואס שלמה המלך עליו השלום האט געזאגט (משלי כ"ב) חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה דאס הייסט זאלסט געוועהנען יעדעס קינד נאך זיין ארט עס זאל געהן אין גוטען וועג דאדורך וועט עס ווען עס וועט אויך אלט ווערין וועט עס פון דעם גוטען וועג ניט אוועק געהען ווארין כל זמן דאס קינד איז נאך יונג קאן מען ביי איהם איינווארצלען די אמונה פון דער הייליגער תורה און יראת שמים, אזוי ווי איין יונג בוימיל כל זמן עס איז נאך יונג קאן מען עס בייגען אזוי איז אויך איין מענש ווען ער איז נאך יונג קאן מען איהם לייכט בייגען ער זאל גוט ווערין.

און עס שטעהט אין דער גמרא (ב"ב דף קט"ז ע"א) ווער עס לאזט איבער נאך זיין אבלעבען איין זוהן וואס ער געהט אין גוטען וועג איז גלייך ער איז נישט געשטארבען, און דאס מיינט אויך די גמרא (תענית דף ה' ע"ב) יעקב אבינו לא מת יעקב אבינו איז נישט געשטארבען ווייל ער האט איבערגעלאזט גוטע און פרומע קינדער ווארין דער מענש בעשטעהט פון צוויי טייל גוף און נשמה דער גוף שטארבט אב ווייל ער איז פון דער ערד אבער די נשמה איז איין גייסטיגער טייל און אז דער מענש לאזט איבער איין גוט קינד לעבט זיין נשמה ווייטער. מיט דעם קאן מען פערשטעהן דעם פסוק (מלכים א' ב') ויקרבו ימי דוד למות ויצו את שלמה

# יד האמונה

בנו לאמר אנכי הולך בדרך כל הארץ וחזקת וגו' ושמרת וגו' דוד המלך ע"ה האט פאר זיין אבלעבען אנגעזאגט זיין זוהן שלמה ע"ה איך גייה אין דעם וועג פון דער גאנצער וועלט זאלסט דיך שטארקען און אבהיטען דאס וואס עס שטעהט אין דער היילינער תורה. האט דער אלשיך הקדוש ערקלערט די כוונה פון די ווערטער „לאמר אנכי הולך" ווארען כל זמן דער מענש לעבט אויף דער וועלט הייסט ער איין „הולך" וויל ער געהט יעדען טאג פון איין מדרגה צו דער אנדערער ער טוט יעדען טאג מעהר מצות און מעשים טובים אבער נאך זיין אבלעבען הייסט ער איין „עומד" וויל ער בלייבט שטעהן און הערט אויף גוטס צו טון דאס האט דוד המלך ע"ה געזאגט צו זיין זוהן „לאמר אנכי הולך" איך וויל מען זאל אפילו נאך מיין אבלעבען אויך זאגען אז איך בין איין „הולך" ווען וועט אזוי זיין אז „וחזקת וגו' ושמרת וגו'" אז דו וועסט דיך שטארקען אבצוהיטען אלעס וואס אין דער היילינער תורה איז געשריבען דאמאלס וועל איך אויך נאך מיין אבלעבען הייסען איין „הולך" ווארין דער וואס האט גוטע און פרומע קינדער הייסט ער אויך שפעטער לעבענדיג.

דאדורך איז איין הויב קדוש מוטל אויף יעדען יוד ער זאל זיינע קינדער ערציהען זיי זאלען געהן אויף דעם וועג פון דער היילינער תורה און זאלען האבען יראת שמים. ווען זיי זענען נאך יונג זאל מען ביי זיי איינוואָרצלען די ליבע צו השי"ת און צו זיין היילינער תורה. ובפרט אונזערע היילינע חכמים ז"ל האבען געזאגט (ע"ז דף ה' ע"ב) ווער עס איז עוסק אין דער תורה איז דער יצר הרע איבערגעגעבען אין זיינע הענד ער זאל איהם קאנען בעזיגען און מיר געפינען אויך אין דער גמרא (שם דף י"ז ע"ב) אז די תורה איז מציל פון זנות און עס שטעהט אויך אין דער גמרא (קידושין דף ל"א ע"ב) „בראתי יצה"ר בראתי תורה תבלין" ד. ה. הקב"ה זאגט איך האב בעשאפען איין יצר הרע צו דעם האב איך בעשאפען די תורה וואס זי איז איין געווירץ צו מאכען שוואך דעם יצה"ר. און אזוי ווי איין ביסעל געווירץ מאכט גוט און געשמאק דאס גאנצע עסען און דאדורך בעקומט עס גאר איין אנדערן טעם אזוי מאכט אפילו א ביסעל תורה דעם גאנצען מענש איין גוטען טעם ער זאל האבען חן בעיני אלקים ואדם.

# אגרת הרמב״ן זצ״ל

**שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך תתנהג תמיד לדבר כל דבריך בנחת לכל אדם ובכל עת ובזה תנצל מן הכעס שהיא מדה רעה להחטיא בני אדם.**

## פתשגן הכתב

הער מיין זוהן דעם מוסר פון דיין פאטער און פערלאז נישט די לעהרע פון דיין מוטער [ב] זאלסט דיך געוועהנען צו רעדען אלע דיינע רייד לאנגזאם צו יעדען מענש און צו יעדער צייט דאדורך וועסטו ניצול ווערין פון כעס וואס דאס איז איין שלעכטע מדה זינדיג צו מאכען די מענשען.

---

## יד האמונה

[ב] דער רמב״ן ז״ל האט אנגעהויבען דעם בריעף צו שרייבען מיט די ווערטער שמע בני מוסר אביך וגו׳ און אזוי האט אויך שלמה המלך ע״ה אנגעהויבען זיין ספר משלי (קאפיטעל א׳) „שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך וגו׳ בני אם יפתוך חטאים אל תאבה״ דאס הייסט הער מיין זוהן דעם מוסר פון דיין פאטער און פערלאז נישט די לעהרע פון דיין מוטער, מיין זוהן ווען די זינדיגע מענשען וועלען דיך אנרעדען שלעכטס צו טון זאלסטו נישט וועלען, די ווערטער קאנען בעווייזען אלע יודישע קינדער זיי זאלען בלייבען ביי דער יודישער אמונה זיי זאלען טון אזוי ווי אונזערע עלטערן האבען אונז געלערנט און ווען זינדיגע מענשען וועלען איינרעדען אראב צו פיהרען פון דעם גוטען וועג דארף מען זיי נור בקיצור זאגען יעדער דארף טון אזוי ווי זיין פאטער און מוטער האבען איהם געלערנט. כאטשע פילע פילאזאפען האבען געמאכט ספרים צו בעווייזען דורך טיעפע חקירות אז גאט ב״ה האט בעשאפען און פיהרט די וועלט און האבען מיט פיעל ראיות בעוויזען אז נאר די יודישע אמונה איז אמת אבער נית יעדער קאן פערשטעהן די טיעפע חקירות דאדורך קאן דער וואס ער פערשטעהט נית גוט, הלילה אראב פאלען פון דער אמונה דערפאר איז אמבעסטען אז יעדער יוד זאל זיך נישט אריין לאזען אין חקירה ער זאל זיך נאר סומך זיין אויף דער קבלה וואס ער האט מקבל געווען פון זיינע עלטערן און דאס אליין איז די בעסטע חקירה הארין עס איז איבערצייגט אז יעדער פאטער ליבט זיין קינד און וויל עס פיהרען צו אלעם גוטען און יעדער־

פֿאטער פֿלאגט זיך ביי זיין קינד און עס קאסט איהם פֿיעל געלד ער זאל עס ערציהען דאדורך קאן יעדער פֿערשטעהן אז ווען איין פֿאטער איז מדריך זיין קינד און זאגט איהם אז ער האט בקבלה פֿון זיין פֿאטער און זיין פֿאטער האט דאס געהאט בקבלה פֿון זיין עלטער־פֿאטער און אזוי ווייטער איש מפי איש דור אחר דור ביז צום דור פֿון מתן תורה וואס אלע יודען האבען דעמאלט מיט זייערע אויגען געזעהן אז משה רבינו ע"ה דאט זיי ארוים געצויגען פֿון מצרים דורך אותות ומופתים די מצריים זענען געשלאגען געווארן מיט צעהן מכות און משה רבינו ע"ה האט געשפאלטען דעם ים און הקב"ה בכבודו ובעצמו האט זיך באוויזען אויף דעם בארג סיני צו ששים רבוא (600.000) יודען און האט זיי געגעבען די היילינע תורה און האט זיי אויך געשפייזט פֿערציג יאהר אין דער מדבר מיט מן און זיי האבען געזעהן נאך אנדערע אותות ומופתים, און דאס האבען אונזערע עלטערן איבערגעגעבען זייערע קינדער אין קינדס קינדער און אזוי ווייטער האט יעדעס דור די אמונה איבער־געגעבען דעם שפעטערן דור ביז אונזער דור. דערפֿון קאן מען פֿערשטעהן אז די קבלה איז בודאי נאר אמת דאדורך קענען מיר זיך פֿעסט כומך זיין אויף דער קבלה פֿון אונזערע עלטערן ווארין זיי האבען מיט זייערע אויגען געזעהן אז די נאטור איז פֿערענדערט געווארן דערפֿון קענען מיר וויסען אז הקב"ה האט אלע וועלטען און אויך די נאטור בעשאפֿען און אז איין אפיקורוס וויל האבען איין וכוח פֿון דער היילינער אמונה ארויב צו פֿיהרען הלילה דארף מען איהם נאר דאס זאגען איך וויל מיך האלטען ביי דער אמונה וואס איך האב מקבל געוועזן פֿון מיינע עלטערן. דאס דייטעט דער פסוק „שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך" הער מיין זוהן דעם מוסר וואס דו האכט בקבלה פֿון דיין פֿאטער און פֿערלאז נישט די לעהרע פֿון דיין מוטער דאדורך „בני אם יפתוך חטאים אל תאבה" ווען די זינדיגע וועלען דיך איבעררעדען זאלסטו זיי קורץ זאגען דו ווילסט זיי נישט פֿאלגען ווייל זיי געהן גענען זייערע עלטערן און דו האלסט דיך ביי דער אמונה וואס אונזערע עלטערן האבען אונז איבערגעגעבען, מיט דעם קאן מען אויך ערקלערען דאס וואס רבינו הרמב"ן ז"ל האט דא געשריעבען „שמע בני מוסר אביך וגו' תתנהג תמיד לדבר כל דבריך בנחת לכל אדם ובכל עת ובזה תנצל מן הכעס" מיין זוהן זאלסט הערען דעם מוסר פֿון דיין פֿאטער און זאלסט תמיד רעדען רוהיג און זאלסט דיך אפהיטען פֿון כעס ווארין אז דו וועסט דיך האלטען ביי דער אמונה פֿון דיין פֿאטער אפילו ווען די זינדיגע וועלען.

# אגרת הרמב״ן זצ״ל

וכן אמרו רבותינו ז״ל כל הכועס כל מיני גיהנם שולטין בו שנאמר והסר כעס מלבך והעבר רעה מבשרך ואין רעה אלא גיהנם שנאמר וגם רשע ליום רעה וכאשר תנצל מן הכעס תעלה על לבך מדת הענוה.

## פתשגן הכתב

און אזוי האבען אונזערע היילינע חכמים געזאגט (נדרים דף כ״ב ע״א) הוער עס איז אין כעס הערשען איבער איהם אלע מיני גיהנם [ג] אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק (קהלת יא) ווארף אראב דעם כעס פון דיין הארץ וועסטו אפטהון שלעכטס פון דיין לייב. און שלעכטס מיינט מען גיהנם [ווי עס שטעהט אין פסוק (משלי ט״ז) דער רשע איז בעשטימט צום שלעכטען טאג פון גיהנם] און אז דו וועסט געראטעוועט ווערן פון כעס דעמאלט וועט אריינקומען אין דיין הארץ די מדה פון ענוה.

---

## יד האמונה

דיך וועלן איבעררעדען וועסטו זיי ניט דארפען ענטפערן מיט כעס ווארין עס וועט גענוג זיין דו זאלסט זיי רוהיג ענטפערן דו היילסט דיך האלטען ביי דער קבלה פון דיינע עלטערן.

[ג] רבינו הרמב״ן ז״ל האט מזהיר געווען מען זאל זיך זעהר היטען פון כעס און דער וואס איז אין כעס הערשען איבער איהם אלע מיני גיהנם. אזוי שטעהט אין דער גמרא (נדרים דף כ״ב ע״ב) אויך שטעהט דארט דער וואס ער איז אין כעס איז אפילו די שכינה נענען איהם ניט חשוב און ער פארגעסט זיין לערנען און ווערט א טיפש און זיינע זינד וועגען זעהר פיעל. אויך שטעהט אין דער גמרא (שבת דף ק״ה ע״א) דער וואס ער איז אין כעס איז גלייך ער וואלט געדינט עבודה זרה און אפילו ער איז איין חכם פערליערט ער זיין חכמה און אפילו מען האט איהם געוואלט געבען מן השמים איין גדולה פערליערט ער די גדולה דורך זיין כעס (פסחים דף ס״ו ע״ב) און הקב״ה האט ליעב דעם וואס ער איז נישט אין כעס און דער וואס ער איז איין כעסן איז זיין לעבען קיין וויכטיג לעבען (שם דף קי״ג ע״ב) און ווער עס איז איין רגזן לא עלתה בידו אלא רגזנותא (קידושין מ״א ע״א) דאס הייסט איין בייזער מענש האט פון זיין כעס גאר נישט נאר דאס וואס ער איז ברוגז און עס שטעהט אויך אין ספר חובת הלבבות דער וואס ע׳

# אגרת הרמב"ן זצ"ל

## שהיא מדה טובה מכל המדות שנאמר עקב ענוה יראת ה'

# פתשגן הכתב

און די מדה פון ענוה איז די בעסטע פון אלע גוטע מדות [ד] ווי עס שטעהט אין פסוק (משלי כ"ב) פון ענוה קומט גאטס פורכט.

---

## יד האמונה

האט כעס האט נישט קיין אמונה ווארין ער זאל האבען אמונה וואלט ער געגלייבט אז אלעס איז מן השמים אפילו אז איין מענש האט איהם געשלאגען האט מען אזוי גוזר געוועזען מן השמים אז דער שלעכטער מענש זאל זיין איין שלוח איהם ליידעס צו טהון און עס שטעהט אויך אין ספר ארחות צדיקים אז איין רשע האט מבזה געוועזען איין חסיד דאט איהם דער חסיד נישט געענפערט און האט איהם געשיקט איין גוטע מתנה ווייל דורך דעם בזיון האט דער רשע ביי איהם אלע עבירות צו־גענומען און האט איהם אוועקגעגעבען אלע זיינע זכיות.

[ד] אזוי שטעהט אין דער גמרא (ע"ז דף כ' ע"ב) ענוה גדולה מכולן, דאס הייסט ענוה איז די גרעסטע גוטע מדה און מיר געפונען אויך אין דער גמרא (עירובין דף י"ג ע"ב) דער מענש וואס ער איז ביי זיך קליין מאכט איהם הקב"ה גרוים, אויך שטעהט אין דער גמרא (נדרים דף ל"ב ע"ב) די שכינה רוהט נאר אויף דעם מענש וואס ער איז איין עניו, אויך שטעהט אין דער גמרא (סוטה דף ה' ע"א) אז דאדורך האט הקב"ה געגעבען די תורה אויף דעם בארג סיני ווייל דער בארג איז נידריג, צו ווייזען אז השי"ת האט נאר ליעב דעם וואס ער איז איין עניו, און דער וואס ער איז איין עניו איז פון די תלמידים פון אברהם אבינו (אבות פ"ה) און נאר דער וואס ער האט ענוה דער קאן זוכה זיין צו דער הייליגער תורה (שם פ"ו) אויך זעהען מיר אין דער הייליגער תורה (פ' בהעלותך) אז משה רבינו ע"ה וואס ער איז געוועזען דער גרעסטער פון אלע נביאים איז געלויבט געווארן מיט דער מדה פון ענוה מעהר פון אלע מדות טובות.

דער אלשיך הקדוש ערקלערט דאס וואס עס שטעהט (אין פ' בראשית) ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה' והבל הביא גם הוא מבכורות צאנו ומחלבהן וגו'

# אגרת הרמב״ן זצ״ל

## ובעבור הענוה תעלה על לבך מדת היראה כי תתן אל לבך תמיד מאין באת ולאן אתה הולך.

## פתשגן הכתב

און דורך ענוה וועט קומען אין דיין הארץ די מדה פון יראה ווארין דו וועסט שטענדיג טראכטען פון וואנען דו ביזט געקומען [אויף דער וועלט] און וואו אהין דו וועסט געהן [ווען די וועסט אוועק געהן פון דער וועלט.] [ה]

---

## יד האמונה

דאס הייסט קין האט געבראכט פון די ערדפריכטען איין קרבן מנחה צו גאט ב״ה און הבל האט אויך געבראכט איין קרבן פון די ערשטע און בעסטע שאף האט זיך הקב״ה געווענדעט נאר צו דעם קרבן פון הבל וויל קין האט געהאט גדלות און דער מענש וואס ער האט גדלות אפילו ער טהוט נאר עפעס איין קליינע מצוה רעדט ער זיך איין אז ער האט שוין געבראכט איין גרויס אפפער פאר השי״ת אבער דער וואס ער איז איין עניו אפילו ער טוט איין גרויסע מצוה דענקט ער זיך אז ער האט נאך גאר נישט יוצא געוועזען זיין חוב פאר השי״ת דאריבער שטעהט ביי קין אז ער האט געברענגט איין .מנחה לה׳ וויל ער האט זיך שוין איינגערעדט אז דאס ביסעל איז שוין וויכטיג פאר השי״ת אבער הבל האט געברענגט פון די ערשטע בעסטע שאף און דאך האט ער נישט געזאגט אז ער ברענגט עפעס פאר השי״ת וויל ער איז געוועזען איין עניו דאדורך האט זיך השי״ת צו קין נישט געווענדט נאר צו הבל און צו זיין קרבן, און אזוי דאט אויך דוד המלך ע״ה געזאגט (תהלים נ״א) גאט ב״ה פערשעמט נישט איין צערבראכען הארץ.

[ה] גם שרייבט רבינו הרמב״ן ז״ל אז דורך ענוה וועט דער מענש תמיד געדענקען פון וואנען ער שטאמט כו׳ אזוי שטעהט אין דער משנה (אבות פ״ג) עקביא בן מהללאל אומר הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה כו׳ דאס הייסט דו זאלסט בעטראכטען דריי זאכען וועסטו נישט קומען צו איין עבירה זאלסט וויסען פון וואנען דו ביסט געקומען און וואו אהין דו וועסט געהן און פאר וועמען דו וועסט רעכנונג אבגעבען, די מפורשים ערקלערען דאס וואס עס שטעהט דא „ואין אתה בא לידי עבירה״ וואס מען מיינט מיט דעם ווארט „לידי״ ווארין אז דער יצר הרע

# אגרת הרמב"ן זצ"ל

## וישאתה רמה ותולעה בחייך ואף כי במותך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך הכבוד.

# פתשגן הכתב

אוּן אַז דוּ בִּיסט ווערִים בַּיי דיין לעבּען ובפרט נאך דיין טויט [ו] אוּן פַאר וועמען דוּ וועסט דארפען אָבּגעבּען דין וחשבון [אויף אלע זאכען וואס דוּ האסט געטוּן אויף דער וועלט] פַאר הקב"ה וואס ער איז דער מלך הכבוד.

---

## יד האמונה

רעדט אָן דעם מענש צוּ זינדיגען רעדט ער איהם צוּערשט אָן ער זאָל טוּן איין קליינע עבירה אוּן דאַן רעדט ער איהם אָן ער זאָל טוּן גרויסע עבירות, צוּם בּיישפּיעל צוּערשט רעדט דער יצה"ר אָן מען זאָל שבת טראָגען אין איין אָרט וואוּ עס איז קיין עירובין נישטאָ אוּן דאַן קוּמט ער צוּם גרעסטען חילול שבת דאַדורך מוּז זיך דער מענש היטען פוּן "ידי עבירות" דאָס הייסט ער זאָל נישט אָנהויבען צוּ טוּן עפּעס פוּן איין עבירה ["ידי" מיינט מען אזוי ווי מיר געפינען אין דער משנה ידות הכלים דאָס הייסט די הענד פוּן כלים וואס מיט זיי גרייפט מען אָן די כלים] אוּן אַז מען וועט זיך ערינערן אין די אויבּערע דריי זאַכען וועט מען נישט קוּמען צוּ טוּן אפילו איין אָנהויבּ פוּן איין עבירה.

איין גרויסער צדיק האָט ערקלערט דאָס וואָס מיר געפינען אין דער מסורה אַז דאָס וואָרט "וראיתם" שטעהט דרייםאָל אין דער תורה א' (בפ' שמות) "וראיתם על האבנים" ב' (בפ' שלה) "וראיתם את הארץ" ג' "וראיתם אותו" די דרייםאָל "וראיתם" ווייזען אויף דעם וואָס דער תנא האָט געזאָגט אז מען זאָל געדענקען דריי זאכען וועט מען נישט קוּמען צוּ איין עבירה ערשטענס "וראיתם על האבנים" מיינט מען "מאין באת" מען זאָל געדענקען פוּן וואַנען מען קוּמט אַרויס צווייטענס "וראיתם את הארץ" מיינט מען "לאן אתה הולך" מען זאָל זעהן די ערד וואוּ אַהין מען וועט געהן דריטענס "וראיתם אותו" מיינט מען "לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון" פַאר וועמען מען וועט אָבּגעבּען דין וחשבון פַאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה.

[ו] מיט דעם ווערט ערקלערט דאָס וואָס עס שטעהט אין מדרש (פ' בחקותי) דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט (תהלים קי"ט) השבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך

# אגרת הרמב"ן זצ"ל

שנאמר הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך אף כי לבות בני אדם

## פתשגן הכתב

אַזוֹי ווי עס שטעהט אין פסוק שלמה המלך ע"ה האט געזאגט פאר גאט ב"ה אפילו אלע הימלען קענען ניט פאסען דיין כבוד ובפרט די הערצער פון די מענשען.

---

## יד האמונה

יעדען טאג האב איך געטראכט איך וועל געהן צו איין בעשטימטען ארט און צו איין בעשטימטער דירה און איך האב מיין פוס צוריק געקעהרט און איך בין נעך גאנגען אין די בתי מדרשים ווייל דוד המלך ע"ה איז געוועזן איין קעניג און האט געלעבט אין גרויס עשירות האט ער געוואלט שוואך מאכען דעם יצר הרע מיט דעם וואס ער האט זיך דערמאנט אז עס וועט קומען איין צייט אז ער וועט מוזען געהן צו זיין עוויגען ארט צו זיין עוויגער דירה נאך זיין אפלעבען דורכדעם האט ער גובר געוועזן זיין יצר הרע און איז געגאנגען אין די בתי מדרשים לערנען תורה. מיט דעם ערקלערט דער הפלא"ה דאס וואס דוד המלך ע"ה האט געזאגט (תהלים ק"ז) "יקם סערה לדממה ויחשו גליהם" דאס הייסט דער שטורמווינד בלייבט שטעהן שטיל און די וועללען שווייגען, דאס ווארט "סערה" מיינט מען דעם שטורמווינד פון די שלעכטע תאוות און דאס ווארט "דממה" מיינט מען דעם שטערבעטאג ווען דער מענש בלייבט שטיל שווייגען, [אזוי ווי עס שטעהט אין דער גמרא (ברכות דף ה' ע"א) ודומו סלה ביום המיתה] די כוונה דערפון איז ווען בלייבט דער שטורמווינד פון די תאוות רעות שטיל ווען דער מענש דערמאנט זיך אין דעם שטערבעטאג דאן בלייבען די וועללען פון די תאוות רעות שטיל און רעדען דעם מענש ניט מעהר אן צו זינדיגען.

און עס שטעהט אויך אין דער גמרא (ברכות שם) אז דער מענש זעהט אז דער יצה"ר שטארקט זיך איבער איהם זאל ער לערנען תורה און זאגען קריאת שמע און זיך דערמאנען אן דעם שטערבעטאג און אזוי שטעהט אויך אין דער משנה (אבות פ' ב') שוב יום אחד לפני מיתתך יעדער מענש זאל תשובה טון איין טאג פאר זיין שטארבען דאס מיינט מען יעדען טאג זאל דער מענש מורא האבען טאמער וועט ער מארגען שטארבען דאדורך זאל ער תמיד תשובה טון.

# אגרת הרמב״ן זצ״ל

ונאמר הלא את השמים ואת הארץ אני מלא נאם ה׳ וכאשר תחשוב את כל אלה תירא מבוראך ותשמר מן החטא ובמדות האלה תהי׳ שמח בחלקך.

## פתשגן הכתב

אויך זאָגט דער פסוק גאָט ב״ה האָט געזאָגט איך בין פול אויף דעם הימעל און אויף דער ערד, און אז דו וועסט בעטראַכטען די אַלע זאַכען וועסטו מורא האָבען פאַר דיין באַשעפער און וועסט דיך היטען פון זינד און אַז דו וועסט האָבען די מדות וועסטו דיך פרייען מיט דיין חלק וויפיעל גאָט ב״ה האָט דיר געגעבען [ז].

---

## יד האמונה

[ז] אַזוי שטעהט אין דער משנה (אבות פ״ד) איזהו עשיר השמח בחלקו דאָס הייסט ווער הייסט איין עושר דער וואָס פרעהט זיך מיט דעם וואָס הקב״ה האָט איהם געגעבען און איז נישט מקנא דעם וואָס ער האָט מעהר פערמעגען פון איהם. דער של״ה הקדוש שרייבט דאָס וואָרט „עשיר״ איז ראשי תיבות „עינים״ „שנים״ „ידים״ „רגלים״ ווער עס האָט געזונדע אויגען,ציין, הענד און פוס, דער איז רייך און אפילו אַז איינער איז נישט רייך און איז חלילה אַ בעל יסורים דאַרף ער אלעס אָנגעהמען באהבה און גלייבען אַז השי״ת וועט איהם שפעטער העלפען, אַזוי ווי עס שטעהט אין דער גמרא (ברכות דף י׳ ע״ב) אפילו אַז איין שאַרפע שווערד ליגט אויף דעם מענשענס האַלז דאַרף ער זיך נישט אָבהאַלטען צו בעטען רחמים מהשי״ת און עס שטעהט אויך אין דער משנה (ברכות דף נ״ד ע״א) אפילו אַז השי״ת נעמט ביים מענש צו די נשמה דאַרף ער אויך דאַנקען גאָט ב״ה פאַר דעם און האָפען אַז ער וועט זוכה זיין להיי עולם הבא.

און מיר געפונען אין מדרש אַז דער תנא ר׳ מאיר איז געגאַנגען שבת אין בית המדרש תורה לערנען זענען זיינע צוויי קינדער נפטר געוואָרן האָט די מוטער זיי אין בעט געלעגט און האָט זיי צוגעדעקט, אַז ר׳ מאיר איז אַהיים געקומען האָט זי צו איהם געזאָגט, איינער האָט מיר געגעבען איין פקדון צו בעהאַלטען און איצט פערלאַנגט ער עס צוריק, זאָל איך איהם דאָס צוריקגעבען? האָט ר׳ מאיר געענפערט גיב איהם דאָס צוריק מיט פרייד, האָט זי צו איהם געזאָגט השי״ת האָט אונז צוויי

# אגרת הרמב"ן זצ"ל

זכאשר תתנהג במדת הענוה להתבושש מכל אדם ולהתפחד ממנו ומן החטא אז תשרה עליך רוח השכינה וזיו כבודה וחיי עולם הבא. ועתה בני דע וראה כי המתגאה בלבו על הבריות מורד הוא במלכות שמים כי מתפאר הוא בלבוש מלכות שמים שנאמר ה' מלך גאות לבש וגו'.

## פתשגן הכתב

און ווען דו וועסט האָבען די מדה פון ענוה צו שעהמען זיך פאר יעדען מענש און מורא האָבען פאר גאָט ב"ה און זיך פאַרכטען צו זינדיגען וועט אויף דיר רוהען די שכינה און דער גלאַנץ פון איהר כבוד און דאָס לעבען פון עולם הבא. אצינד מיין זוהן זאָלסטו וויסען און פערשטעהן אז דער מענש וואָס ער איז ביי זיך אין הארץ גרויס איבער אנדערע מענשען דער איז מורד אין דער הערשאַפט פון גאָט ב"ה ווייל דער בערימט זיך מיט דעם לבוש [קלייד] וואָס עס געהערט צו השי"ת אזוי ווי עס שטעהט (תהלים צ"ג) גאָט ב"ה רעגיערט די וועלט ער איז געקליידעט מיט גרויסקייט.

---

## יד האמונה

קינדער געגעבען היינט האָט ער זיי צוריקגענומען האָט ר' מאיר צו איהר געזאָגט מיר דאַרפען אונז פרייען פאַר דעם וואָס מיר האָבען דאָס געקענט צוריקגעבען. און עס שטעהט אויך אין הייליגע ספרים אמאָל האָט איין צדיק חתונה געמאַכט זיין איינציגען זוהן און האָט פיעל תלמידי חכמים איינגעלאַדען ביי דער סעודה האָט ער געזאָגט צו זיין זוהן גייה אין קעלער ברענג מיר פון דעם גוטען וויין דער זוהן איז אהין געגאַנגען און איז נישט מעהר צוריקגעקומען דער פאָטער איז געגאַנגען זעהן וואָס דאָס איז האָט ער געטראָפען זיין איינציגען זוהן טויט ליגען ווייל איין שלאַנג האָט איהם געביסען דער פאָטער איז צוריקגעקומען און האָט געזאָגט צו זיינע געסט איהר זאָלט נישט זאָגען שבע ברכות איהר זאָלט זאָגען די ברכה פון איין אבל און איהר זאָלט נישט בעגלייטען מיין זוהן צו דער חופה נור צו דעם בית החיים זאָלט איהר איהם טראָגען געלויבט איז השי"ת וואָס ער האָט מיך מיט גערעכטיגקייט גע'משפט.

דערפון זאָל מען זיך ארויסנעמען איין מוסר אפילו אז עס קומט אויף איין מענש יסורים זאָל ער זיי אָנעהמען באהבה און זאָל האָבען אמונה אז השי"ת וועט

# אגרת הרמב"ן זצ"ל

ובמה יתגאה לב האדם, אם בעושר, ה' מוריש ומעשיר ואם בכבוד הלא לאלהים הוא שנאמר והעושר והכבוד מלפניך ואיך מתפאר בכבוד קונו ואם מתפאר בחכמה מסיר שפה לנאמנים וטעם זקנים יקח נמצא הכל שוה לפני המקום כי באפו משפיל גאים וברצונו מגביה שפלים. לכן השפל עצמך וינשאך המקום. ע"כ אפרש לך איך תתנהג במדת הענוה ללכת בה תמיד, כל דבריך יהיו בנחת וראשך כפוף ועיניך יביטו למטה לארץ ולבך למעלה ואל תביט בפני אדם בדברך עמו

# פתשגן הכתב

און מיט וואָס קאָן זיך דאָס האַרץ פֿון איין מענטש שטאָלץ האַלטען, אויב מיט זיין עשירות, גאָט ב"ה מאַכט אָרעם און רייך, אויב מיט דעם כבוד [וואָס מענשען געבען איהם] כבוד געהער צו גאָט ב"ה אַזוי ווי עס שטעהט אין פסוק דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט צו גאָט ב"ה רייכקייט און כבוד איז פֿאַר דיר ווי אַזוי קאָן זיך דער מענש גרויס האַלטען און בעריהמען מיט דעם כבוד וואָס דאָס געהער צו זיין באשעפֿער און אז דער מענש וועט זיך בעריהמען מיט זיין חכמה, דאַרף ער וויסען אז גאָט ב"ה קאָן צונעמען די שפּראַכע פֿון די מענשען און די עצות פֿון די געשייטע לייט. זעהן מיר אז אלע מענשען זענען גלייך ביי השי"ת וואָרין מיט זיין צאָרן מאַכט ער נידריג די שטאָלצע און מיט זיין ווילען הויבט ער אויף די נידריגע, דערפֿאַר האַלט דיך נידריג וועט דיך השי"ת אויפֿהייבען. דאַדורך ערקלער איך דיר ווי אַזוי דו זאָלסט דיך פֿיהרען מיט דער מדה פֿון ענוה כדי דו זאָלסט מיט איהר תמיד געהן. אלע דיינע ווערטער זאָלען זיין לאַנגזאַם, דיין קאָפּ זאָל זיין געביקט און דיינע אויגען זאָלען אַראָבקוקען צו דער ערד און דיין האַרץ זאָל דענקען צום אויבערשטען און דו זאָלסט נישט קוקען אין דעם פנים פֿון איין מענש ווען דו רעדסט מיט איהם.

---

## יד האמונה

איהם שפּעטער דערפֿרייען. מען דערצעהלט פֿון איין גרויסען צדיק וואָס ער האָט תמיד געלעבט אין גרויס אָרימקייט האָט מען איהם געפֿרעגט עס שטעהט אין דער משנה (ברכות דף נ"ד ע"א) חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה יעדער מענש איז מחויב צו דאַנקען גאָט ב"ה אז עס קומט אויף איהם שלעכטס אַזוי ווי ער דאַרף דאַנקען להשי"ת אז עס קומט אויף איהם גוטס ווי אַזוי איז דאָס

# אגרת הרמב"ן זצ"ל

וכל אדם יהי' גדול ממך בעיניך ואם חכם או עשיר הוא עליך לכבדו ואם רש הוא ואתה עשיר או חכם ממנו חשוב בלבך כי אתה חייב ממנו והוא זכאי ממך שאם הוא חוטא הוא שוגג ואתה מזיד. בכל דבריך

## פתשגן הכתב

און יעדער מענש זאל אין דיינע אויגען גרעסער זיין פון דיר [ה] ווען ער איז איין חכם אדער איין עושר דארפסט דו איהם בכבוד האלטען און ווען ער איז איין ארעמאן און דו ביזט איין עושר אדער מעהר חכם פון איהם זאלסטו דענקען אין דיין

---

## יד האמונה

מעגליך אז דער מענש זאל קענען דאנקען פאר שלעכטס אזוי ווי פאר גוטס האט דער צדיק גענטפערט דאס זאל מען פרעגען דעם וואס עס איז איהם אמאל שלעכט געווען מיר איז תמיד גוט ווייל איך נעם אלעס אן באהבה. און עס שטעהט אויך אין דער גמרא (שם דף ס"א ע"א) אז דער תנא ר' עקיבא האט זיך מוסר נפש געווען פאר דער הייליגער תורה די שונאי ישראל האבען געקעמט זיין פלייש מיט אייזערנע קעם און זיין נשמה איז אוים געגאנגען מיט די ווערטער "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" און אזוי געפונען מיר אויך אז פיעל תנאים האבען זיך מוסר נפש געווען פאר גאט ב"ה און פאר זיין הייליגער תורה און עס איז אויך געשריבען אין דער וועלט-געשיכטע אז אין די שפעטערע צייטען איז אויך פון יודען פיעל בלוט פערגאסען געווארען ווייל זיי האבען זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם. און עס איז געוועזען אין דער צייט פון גזירות שפאניען איין צדיק ר' שמואל בן ברכיה ז"ל וואס מען האט איהם מיט זיינע קינדער געוואלט צווינגען זיי זאלען זיך כופר זיין האט ער גענומען איין חליף און האט געמאכט איין ברכה "על השחיטה" און איטליכער האט נאכגעזאגט "אמן" און געשריגען "שמע ישראל ה' אחד" און האבען זיך געלאזט שעכטען אויף קידוש השם און האבען אנגענומען די יסורים באהבה זיי זאלען בלייבען יודען און זאלען זוכה זיין צו עולם הבא.

[ה] דער רמב"ן ז"ל האט געווארנט אז מען זאל זיך ניט גרויס האלטען. אדרבה יעדער יוד זאל זיך דענקען אז זיין חבר איז גרעסער פון איהם דאדורך קאן זיין אהבה און אחדות צווישען יודען. און דאס איז איין גרויסע זאך אזוי ווי עס שטעהט אין דער משנה (אבות פ"ב) אל תאמין בעצמך עד יום מותך ואל תפרוש

# אגרת הרמב"ן זצ"ל

ומעשיך ומחשבותיך ובכל עת חשוב בלבך כאלו אתה עומד לפני קודשא בריך הוא ושכינתו עליך כי כבודו מלא העולם, ודבריך יהיו באימה וביראה כעבד לפני רבו והתבייש מכל אדם.

# פתשגן הכתב

האַרץ אַז דו ביזט מעהר שולדיג פֿאַר גאָט ווי ער און ער איז מעהר צדיק פֿון דיר וואָרין אַז ער האָט געזינדיגט האָט ער דאָס געטון בשוגג [אומגערן] און דו האָסט געזינדיגט במזיד [מוטוויליג], ביי אַלע דיינע דבורים און מעשים און מחשבות און צו יעדער צייט זאָלסטו דענקען אַז דו שטעהסט פֿאַר הקב"ה און זיין שכינה איז אויף דיר וואָרין די גאַנצע וועלט איז פֿול מיט זיין כבוד. און דיינע רייד זאָלען זיין מיט פֿורכט און מיט מורא ווי איין קנעכט פֿאַר זיין הער, און זאָלסט דיך שעהמען פֿאַר יעדען מענש.

---

## יד האמונה

מן הצבור ערקלערט דאָס דער מדרש שמואל מען זאָל זיך נישט גלויבען אַז מען איז מקיים די מצות פֿון דער תורה ביז מען איז פֿערבונדען און נישט אָבגעשיידט פֿון דעם כלל ישראל, אויך געפֿונען מיר אין דער גמרא (שבת דף ל"א ע"א) איין געצענדיגענער איז געקומען פֿאַר דעם תנא הלל און האָט איהם געזאָגט ער וויל זיך מגייר זיין באופן ער זאָל איהם לערנען די גאַנצע תורה אין אַזאַ קורצע צייט וואָס איין מענש קאָן שטעהן אויף איין פֿוס, האָט איהם דער תנא הלל געזאָגט, דאָס וואָס דו ווילסט נישט מען זאָל דיר טון זאָלסטו דיין חבר אויך נישט טון דאָס איז איין גרויסער כלל אין דער תורה און דאָס איבריגע זאָלסטו געהן לערנען, דאַרף מען פֿערשטעהן וואָס דער נכרי האָט געפֿרעגט און וואָס דער תנא האָט איהם געענפֿערט, די ערקלערונג איז אַזוי: דער נכרי האָט געפֿרעגט עס איז דאָ אַזעלכע יודען וואָס זיי זענען האַנדווערקער אָדער סוחרים און לערנען נישט די תורה און עס איז אויך דאָ איין טייל מצות וואָס נישט יעדער יוד קאָן זיי מקיים זיין, און יעדער יוד דאַרף דאָך מקיים זיין אַלע תרי"ג (613) מצות וואָס זיי שטעהען אין דער תורה, מוז דאָך זיין אַז עס איז דאָ איין זאַך וואָס דאַדורך זאָל יעדער יוד קענען מקיים זיין די גאַנצע תורה, דאָס האָט דער נכרי געבעטען מען זאָל איהם

# אגרת הרמב"ן זצ"ל

## ואם יקראך איש אל תעננו בקול רם רק בנחת בעומד לפני רבו

## פתשגן הכתב

און ווען איין מענש וועט דיך רופן זאלסטו איהם נישט ענטפערן מיט איין הויכער שטימע נאר שטיל אזוי ווי איין קנעכט שטעהט מיט מורא פאר זיין הער. [ט]

---

## יד האמונה

אויסלערנען אין אזא קורצער צייט. דארויף האט איהם דער תנא הלל געענטפערט דו זאלסט ליעב האבען דיין חבר אזוי ווי דיך אליין, כדי מען זאל זיך אנשליעסען אן דעם כלל ישראל דאדורך וועסטו האבען איין חלק אין אלע מצות וואס אלע יודען זענען מקיים.

און עס שטעהט אויך אין דער תורה (פ' יתרו) ויחן שם ישראל וגו' דארויף זאגט רש"י ז"ל אז די יודען זענען געקומען צום בארג סיני זענען זיי אלע געוועזען אזוי ווי איין מענש און איין הארץ, מיט דעם קאן מען פערשטעהן דאס וואס עס שטעהט דארט אין דער תורה „ויענו כל העם יחדיו" וגו' דאס הייסט דאס גאנצע פאלק האט אינאיינעם געענטפערט און געזאגט: אלעס וואס גאט ב"ה וועט רעדען וועלען מיר טון, דאס ווארט יחדיו לאזט אונז הערען ווייל אלע יודען זענען געוועזען „יחדיו" [איינינג] און האבען געהאט אחדות דאדורך האבען זיי געקאנט זאגען אלעס וואס גאט ב"ה וועט רעדען וועלען מיר אלע בייזאמען טון.

פון דעם קאן מען זעהן אז עס איז זעהר וויכטיג אז יעדער איינצעלנער יוד זאל זיך אנשליעסען אן דעם כלל ישראל, אלע יודען זאלען זיין צוזאמען, איין קערפער. און אזוי ווי אז איין אבר טוט וועה שפיערט דער גאנצער קערפער דעם שמערץ אזוי אויך אז עס טוט איין יוד וועה דארפען אלע יודען אפילו פון אנדערע מדינות פיהלען דעם שמערץ און איהם צו העלפען, און אז דער כלל ישראל וועט זיין צוזאמען וועט יעדער יוד מקיים זיין די גאנצע תורה הקדושה און מיר וועלען אלע געהאלפען ווערן.

[ט] אזוי שטעהט אויך אין ספר מורה נבוכים און אויך אין רמ"א (או"ח סי' א) אז יעדער יוד זאל זיך תמיד פארשטעלען אז גאט ב"ה שטעהט נעגענאיבער איהם ווארין עס איז איין גרויסער הילוק ווען איין מענש זיצט אליין אין זיין וואהנונג

# אגרת הרמב״ן זצ״ל

**והוי זהיר לקרות בתורה תמיד אשר תוכל לקיימה וכאשר תקום מן הספר תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו.**

## פתשגן הכתב

און זאלסט געווארנט זיין צו לערנען שטענדיג תורה [י] דאס וואס דו קאנסט מקיים זיין און ווען דו וועסט אוועקגעהן פון דעם ספר זאלסטו נאכזוכען אין דעם וואס דו האסט געלערנט אויב עס איז דא איין זאך דו זאלסט זי קענען מקיים זיין.

---

## יד האמונה

אדער אפילו ער זיצט מיט זיין פאמיליע שעהמט ער זיך נישט און רעדט און טוט אלעס וואס ער וויל, אבער ווען ער זיצט פאר איין קעניג דאמאלס שעהמט ער זיך און האט פאר איהם מורא דאדורך זאל זיך דער מענש פארשטעלען אז דער גרויסער מלך איבער אלע מלכים הקב״ה וואס זיין כבוד איז פול די גאנצע וועלט שטעהט נעבען איהם און זעהט אלע זיינע מעשים און הערט אלע זיינע דבורים דאדורך וועט ער בודאי בעקומען יראה און הכנעה און וועט האבען פחד און בושה פאר השי״ת.

[י] אזוי שטעהט אויך אין דער גמרא און אויך אין ש״ע (או״ח סי׳ קנ״ה) אז יעדער יוד דארף לערנען תורה אפילו איין ארעמאן וואס ער דארף זארגען פרנסה און אפילו איין עושר וואס ער האט פיעל געשעפטען דארף זיך מאכען איין שיעור יעדען טאג צו לערנען תורה און דורך דער תורה האט די וועלט איין קיום אזוי ווי עס שטעהט אין דער גמרא (שבת דף פ״ח ע״א) אויך שטעהט אין דער משנה (אבות פ״ו) „אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה״ דאס הייסט דער וואס ער לערנט תורה דער איז איין פרייער מענש דאס איז ערקלערט אין הייליגע ספרים. אז ווען איין מענש האט קיין עול תורה איז ער פערקויפט צו די תאוות רעות און איז זייער קנעכט אבער דער וואס ער לערנט תורה דער איז נישט פערקויפט צו שלעכטע תאוות דארום הייסט ער איין „בן חורין״ ווייל ער איז פון אלע שלעכטע תאוות פריי.

און עס איז אויך א גרויסער הויב אז יעדער יוד זאל לערנען תורה מיט זיינע קינדער און אויך מיט פרעמדע קינדער אזוי שטעהט אין דער גמרא (סנהדרין דף י"ט ע"ב) כל המלמד את בן חבירו תורה כאלו ילדו דאס הייסט ווען איינער לערנט מיט זיין חבר'ס זוהן תורה איז גלייך ער וואלט איהם געבוירען און עס שטעהט אויך אין דער משנה (אבות פ"ב) „אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך" ערקלערט דאס דער מדרש שמואל, אז איין מענש האט פיעל תורה געלערנט זאל ער זיין תורה נישט האלטען ביי זיך נאר ער זאל זי אויך לערנען מיט אנדערע דאס מיינט די משנה „אל תחזיק טובה לעצמך" דו זאלסט די תורה [וואס זי הייסט „טובה"] נישט נאר דיר האלטען נאר זאלסט זי אויך מיט אנדערע לערנען ובפרט עס שטעהט אין דער משנה (אבות פ"ה) „כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו" דאס הייסט דער מענש וואס ער ברענגט אנדערע זיי זאלען טון מצות קומט ער נישט צו זינד.

און מיר געפונען אויך אין מדרש „בשאמר לו הקב"ה למשה ואתה הקרב אליך את אהרן אחיך ואת בניו אז הרע למשה א"ל הקב"ה תורה שלי היתה ונתתיה לך" דאס הייסט ווען הקב"ה האט געזאגט צו משה רבינו ע"ה דו זאלסט צו דיר מאכען נעהערן דיין ברודער אהרן און זיינע קינדער האט זיך משה רבינו ע"ה מצער געווען, האט גאט ב"ה צו איהם געזאגט די תורה איז מיין געוועזען און איך האב זי דיר איבערגעגעבען, דעם מדרש דארף מען פערשטעהן. ערקלערט דאס דער כתב סופר וויל משה רבינו ע"ה האט נישט געהאט אזעלכע קינדער זיי זאלען איבער־נעמען זיין שטעלע דאריבער אז גאט ב"ה האט צו איהם געזאגט ער זאל מאכען נעהע־רען זיין ברודער אהרן מיט זיינע קינדער כדי זיינע קינדער זאלען איבערנעמען זיין שטעלע פון דער כהונה האט זיך משה רבינו ע"ה מצער געוועזען פארוואס ער האט נישט אזעלכע קינדער זיי זאלען זיין שטעלע איבערנעמען האט איהם הקב"ה געענטפערט „תורה שלי היתה ונתתיה לך" די תורה איז מיין געוועזען און איך האב זי דיר איבערגעגעבען דו זאלסט זי לערנען מיט אלע יודען און ווען מען לערנט תורה מיט איין תלמיד איז גלייך ווי מען האט איהם געבוירען [אזוי ווי עס שטעהט אין דער גמרא (סנהדרין הנ"ל) דאדורך ווער עס וועט דיין שטעלע איבערנעמען איז גלייך ווי ער וואלט דיין זוהן געוועזען.

# אגרת הרמב"ן זצ"ל

ותפשפש במעשיך בבוקר ובערב ובזה יהי' כל ימיך בתשובה. והסר כל דברי העולם מלבך בעת התפלה והכן לבך לפני המקום ב"ה.

# פתשגן הכתב

און דו זאָלסט נאָכזוכען דיינע מעשים יעדען טאָג אין דער פריה און ביי נאכט און דאדורך וועסטו אלע טעג פון דיין גאנ'ן לעבען טוהן תשובה [יא].

זאָלסט אָבטון פון דיין הארץ אלע וועלטזאכען אין דער צייט ווען דו טוסט תפלה פאר גאָט ב"ה און זאָלסט פאָרבערייטען דיין הארץ פאר השי"ת [יב].

---

## יד האמונה

[יא] אין דער גמרא (ברכות דף ל"ד ע"ב) שטעהט במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד דאָס הייסט אַז איין בעל תשובה איז גרעסער ווי איין צדיק וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזינדיגט ווייל דער בעל תשובה האָט שוין געפיהלט דעם טעם פון דער עבירה דאדורך איז איהם שווער ער זאָל זיך פון דער עבירה צוריקהאלטען אָבער דער צדיק, וואָס ער האָט די עבירה קיינמאָל נישט געטון איז איהם נישט אַזוי שווער פון דער עבירה זיך צוריקצוהאלטען דאריבער איז דער בעל תשובה גרעסער פון דעם צדיק און אפילו אַז איין מענש האָט פיעל געזינדיגט זאָל ער זיך נישט מייאש זיין און קלערען אַז תשובה וועט איהם שוין נישט מעהר העלפען וואָרין עס שטעהט אין דער גמרא (קידושין דף מ' ע"ב) אפילו אַז דער גרעסטער רשע טוט תשובה איז איהם הקב"ה מוחל אַלע זיינע עבירות, און אַזוי ווי ווען עס פאלט אריין איין פונק פייער אין איין גרויסען שייער שטרוי פערברענט דער פונק דעם גאנצען שייער און עס בלייבט איין ריינער פלאַץ אַזוי אויך אַז עס פאלט אריין איין פונק פון תשובה אין איין יוד וואָס ער האָט פיעל געזינדיגט ווערן אלע עבירות פערברענט און ער בלייבט איין ריינער יוד.

[יב] דאָ האָט רבינו הרמב"ן ז"ל געוואָרנט אַז אין דער צייט וואָס דער יוד איז מתפלל פאר השי"ת זאָל ער אַוועקוואַרפען פון זיינע געדאנקען אלע וועלט־זאכען אַזוי שטעהט אויך אין דער משנה (אבות פ"ב) ווען דו טוסט תפלה פאר השי"ת זאָלסטו אין זינען האָבען צו בעטען אַז השי"ת זאָל אויף דיר ר המנות האָבען

אויך זאָגט די גמרא (ברכות דף כ"ו ע"א) אַז די דריי תפלות שחרית מנחה מעריב האָבּען אונזערע אבות אברהם יצחק ויעקב מתקן געווען, מיט דעם ווערט עֶרקלערט דאָס וואָס עס שטעהט אין (פ' וישלח) וישלח יעקב מלאכים אויף דעם שרייבּט רש"י ז"ל אַז די מלאכים פון יעקב אבינו זענען געוועזען "מלאכים ממש" דאָס וואָרט "ממש" איז ראשי תיבות "שחרית" "מנחה" "מעריב" וואָרין פון יעדער מצוה ווערט בּעשאַפען איין מלאך און ווייל יעקב אבינו ע"ה האָט מיט כוונה גערעהוענט שחרית מנחה מעריב האָט ער מיט זיין דאַוונען דריי מלאכים בּעשאַפען.

אויך ווערט עֶרקלערט דאָס וואָס עס שטעהט אין דער תורה (פ' וישב) מה בצע כי נהרוג את אחינו דאָס וואָרט "בצע" איז ראשי תיבות "בוקר" "צהרים" "ערב" דאָס זענען די דריי תפלות פון שחרית מנחה מעריב אין די תפלות ווערען נאָר אָנגענומען פאַר הקב"ה אַז דער מענש זינדיגט נישט דאָס האָט יהודה געזאָגט צו זיינע ברידער "מה בצע" וגו' אַז מיר וועלען ליידעס טון צו אונזער ברודער וואָס וועלען מיר האָבּען פון אונזערע תפלות שחרית מנחה ומעריב.

און עס שטעהט אויך אין דער גמרא (ברכות דף ו' ע"ב) "כל הקובע מקום לתפלתו אלקי אברהם בעזרו" דער וואָס בּעשטימט זיך איין אָרט צו דאַוונען העלפט איהם הקב"ה, דאָס ווערט עֶרקלערט אַז ווען איין ייד דאַוונט זאָל ער נאָר איינס אין זינען האָבּען צו טון תפלה פאַר השי"ת זיינע געדאַנקען זאָלען נישט ארומ־לויפען אין פערשיעדענע ערטער אַזוי אַז מען דערצעהלט אַז איינער איז לאַנג גע־שטאַנען שמנה עשרה, און ווען ער האָט די שמנה עשרה געענדיגט האָט מען איהם נעגעבען שלום עליכם אַזוי ווי ווען איינער קומט צו פאָהרען פון איין פרעמדען אָרט, ווייל מען האָט זיך געמערקט אַז ער איז לאַנג געשטאַנען שמנה עשרה ווייל ער איז געוועזען מיט זיינע געדאַנקען אין פרעמדע שטעדט דאָס מיינט די גמרא דער וואָס בּעשטימט זיך איין אָרט צו דאַוונען און געהט נישט אַרום מיט אַנדערע געדאַנקען אין אַנדערע שטעדט בּיי דער תפלה דעם העלפט השי"ת.

מען דערצעהלט אָבּער פון איין גרויסען צדיק ז"ל אַז איינער האָט איהם גע־פרעגט; ער קאָן נישט דאַוונען מיט כוונה אויב ער זאָל דאָך דאַוונען אַזוי ווי ער קאָן, האָט ער איהם געענטפערט עס שטעהט אין (אבות פ"ב) וכל מעשיך בספר נכתבים דאָס מיינט מען אַז אַלע מצות וואָס דער מענש טוט ווערן אָנגעשריבען אין הימעל און אַז איינער דאַוונט אָהן כוונה שרייבּט מען אויף איין נול

# אגרת הרמב"ן זצ"ל

יטהר רעיונך והשוב הדבור קודם שתוציאנו מפיך וכן תעשה כל ימי חיי הבלך בכל דבר ודבר ולא תחטא.

## פתשגן הכתב

און דו זאָלסט רייניגען דיינע געדאַנקען און זאָלסט איבערלעגען יעדעס וואָרט בעפאָר דו זאָגסט עס אַרויס פון דיין מויל [יג] און אַזוי זאָלסטו טון דיין גאַנץ לעבען ביי יעדער זאַך וועסטו נישט זינדיגען.

---

## יד האמונה

און אַזוי ווייטער דערנאָך אַז ער דאַווענט איין מאָל יאָ מיט כוונה שרייבט מען אויף איין 1 און מען שטעלט דעם ציפער 1 נעבען די נולן ווערט דערפון איין גרויסער חשבון דאַן גיט מען איהם דערפאַר שכר גלייך ער האָט אַלע תפלות געדאַווענט מיט כוונה.

[יג] רבינו הרמב"ן ז"ל האָט דאָ געוואָרנט מען זאָל גוט איבערקלערען יעדעס וואָרט בעפאָר מען רעדט עס אַרויס פון דעם מויל און אַזוי האָט אויך שלמה המלך ע"ה געזאָגט „שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו" דאָס הייסט ווער עס היט אָב זיין מויל און זיין צונג דער היט זיך אָב פון צרות, און מיר געפינען אויך אין דער גמרא (ע"ז דף י"ט ע"ב) אַז ר' אלכסנדר האָט אויסגערופען ווער וויל איין מיטעל צום לעבען זענען פיעל מענשען צו איהם געקומען און האָבען געוואָלט קויפען דאָס מיטעל האָט ער זיי געזאָגט דאָס וואָס עס שטעהט אין פסוק (תהלים ל"ד) „מי האיש החפץ חיים וגו'" דאָס הייסט דער מענש וואָס ער וויל לעבען און וויל זעהן גוטס דער זאָל זיך אָבהיטען די צונג פון צו רעדען שלעכטס, און אַזוי האָט אויך שלמה המלך ע"ה געזאָגט החיים והמות ביד הלשון דאָס הייסט לעבען און נישט לעבען הענגט אָב אין דער צונג, אויך האָבען אונזערע הייליגע חכמים געזאָגט דאַריבער האָט גאָט ב"ה געגעבען ליפען ביי דעם מויל אַז איין מענש וויל רעדען דאָס וואָס מען דאַרף נישט זאָל ער צושליסען זיין מויל מיט זיינע ליפען און אין ספר ראשית חכמה שטעהט „אי אפשר ללב המרבה דברים להיות ירא חטא" דאָס הייסט עס איז נישט מעגליך אַז דער וואָס ער רעדט פיעל זאָל זיך פאַרכטען פאַר איין עבירה, דאַרום דאַרף יעדער יוד היטען זיין דיבור ער זאָל נישט רעדען קיין שום וואָרט ביז ער וועט זיך פריהער איבערלעגען וואָס ער זאָל רעדען.

# אגרת הרמב״ן זצ״ל

ובזה יהיו דבריך ומעשיך ומחשבותיך ישרים ותפלתך תהי' זכה וברה ונקיה ומכוונת ומקובלת לפני המקום ב״ה שנאמר תכין לבם תקשיב אזניך, תקרא האגרת הזאת פעם אחת בשבוע ולא תפחות לקיימה וללכת בה תמיד אחר השם יתברך למען תצליח בכל דרכיך ותזכה לעולם הבא הצפון לצדיקים. ובכל יום שתקראנה יענוך מן השמים כאשר יעלה על לבך לשאול עד עולם אמן סלה.

# פתשגן הכתב

דאדורך וועלען דיינע רייד און דיינע מעשים און דיינע געדאנקען רעכטפערטיג זיין און דיין תפלה וועט זיין קלאר און לויטער און ריין מיט כוונה און וועט אנגענומען ווערען פאר השי״ת אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק (תהלים י׳) דו טוסט בערייטען זייער הארץ צו דיר און דיינע אויערען פארנעמען זייער תפלה. דעם בריעף זאלסטו לעזען איינמאל אין דער וואך און דו זאלסט נישט פערפעהלען אלעס מקיים צו זיין און זאלסט תמיד נאכגעהן נאך דעם געבאט פון השי״ת כדי די זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגען דאדורך וועסטו זוכה זיין צו עולם הבא וואס דאס איז בעהאלטען פאר די צדיקים, יעדען טאג ווען דו וועסט דאס לעזען וועט מען דיר ענטפערן מן השמים וואס דיין הארץ וועט פערלאנגען ביז עוויג **אמן סלה.**

---

## יד האמונה

אויף דעם ענדע פון דעם ספר שרייב איך איין ווערטעל וואס איך האב געהערט עס איז אמאל געווען איין גרויסער גאון וואס ער האט געגרינדעט איין פעריין און האט פאר דעם פעריין געמאכט איין פנקס [שטאטוטענבוך] דארינען האט ער אויפגעשריבען הקנות פון דעם פעריין אין אנהויב פון די תקנות האט ער געשריבען „לא תרצח ולא תגנב״ מען זאל נישט זיין א רוצח אדער א גנב, האט מען איהם געפרעגט רבי צו וואס האט איהר דאס געדארפט שרייבען דאס שטעהט דאך שוין פון לאנג אין אונזער היילינע תורה האט ער געענפערט איך וויים אז מען האלט נעבוך נישט די מצות וואס זיי שטעהן אין דער היילינער תורה און איהר האט מיר געזאגט אז איהר וועט האלטען אלעס וואס אין דעם פנקס וועט זיין געשריבען דאריבער האב איך געשריבען אין דעם פנקס די מצות וואס זיי שטעהן בפירוש אין דער היילינער תורה כדי איהר זאלט זיי האלטען.

דאַדורך שרייַב איך דאָ אויך אייניגע מצות כאָטשע זיי זענען יעדען בעקאַנט וואָרין עס איז מעגליך אַז דורך דעם ספר וועלען זיך אַטייל מענשען ערינערן אָפּצוהיטען די מצות פון דער תורה מעהר ווי פריהער ווייל זיי וועלען דאָ זעהן ווי גרויס די מצות זענען.

## מצות שבת

די מצוה פון שבת איז זעהר גרויס אַזוי ווי עס שטעהט אין מדרש (פ׳ בשלח פכ״ה) שקולה שבת נגד כל המצות דאָס הייסט דער וואָס ער היט אָפּ שבת איז גלייך ער האָט מקיים געווען אַלע מצות פון דער הייליגער תורה, און עס שטעהט אויך אין מדרש (שם) ווען די יודען זאָלען אָפּהיטען איין שבת וואָלטען זיי אויסגעלייזט געוואָרען פון דעם גלות. פרעגען די מפורשים אויף דעם פון דער גמרא (שבת דף קי״ח ע״ב) דאָרט שטעהט אַז ווען יודען זאָלען אָפּהיטען צוויי שבתות דאַמאָלס וועלען זיי אויסגעלייזט ווערן, דער תירוץ אויף דעם שטעהט אין ספר עונג חיים לשבת אַז די מצוה פון שבת בעשטעהט פון צוויי זאַכען ערשטענס מען זאָל שבת רוהען מען זאָל קיין מלאכה טון צווייטענס מען זאָל שבת תורה לערנען אַזוי ווי עס שטעהט אין מדרש אַז די תורה האָט זיך בעקלאָגט פאַר השי״ת ווען די יודען וועלען קומען קיין ארץ ישראל און וועלען דאָרט אין די פעלדער אַרבייטען ווען וועלען זיי לערנען תורה האָט הקב״ה געענטפערט דער תורה אַז שבת קודש וועט זיין איין חבר צו דיר וואָרין שבת האָבען יודען צייט צו לערנען און אַזוי טייטשט אויך רבינו הרמב״ן ז״ל (פ׳ יתרו) „זכור את יום השבת לקדשו״ זאָלסט געדענקען שבת צו הייליגען מיט תורה און אויך אין ש״ע (או״ח סי׳ רצ״א) שטעהט אַז יעדער יוד דאַרף זיך שבת מאַכען איין שיעור צו לערנען תורה דאָס מיינט די גמרא ווען יודען זאָלען אָבהיטען „שתי שבתות״ דאָס הייסט זיי זאָלען אָבהיטען שבת מיט צוויי זאַכען דהיינו זיי זאָלען קיין מלאכה טון און זאָלען אויך תורה לערנען אפילו אין איין טאָג שבת וועט מען זוכה זיין צו דער גאולה.

אין דער מכילתא (פ׳ תשא) שטעהט כל המשמר את השבת כאלו עשה את השבת די בעדייטונג דערפון ערקלערען די מפורשים אַז דער וואָס ער היט אָפּ שבת און איז מוסיף מחול אל הקודש [דאָס הייסט ער הויבט אָן צו מאַכען שבת פרייטאָג ווען עס איז נאָך טאָג און איז אויך מוסיף צום שבת פון דער צייט וואָס

עס איז שוין נאַכט במוצאי שבת] איז די צייט וואס ער איז מוסיף גלייך צו דער צייט פון שבת אַליין דהיינו דער תוספת שבת האט די זעלבע קדושה אזוי ווי דער שבת קודש דאס מיינט די מכילתא „כאלו עשה את השבת" גלייך ער האט געמאַכט די קדושה פון דעם שבת'דיגען טאג אין דער צייט פון תוספת שבת. אויך ערקלערט רבינו הרמב"ן ז"ל (פ' יתרו) זכור את השבת לקדשו זאלסט געדענקען דעם שבת איהם צו הייליגען אויך אין די וואכענטעג דאַדורך זאגען מיר יעדען טאג היום יום ראשון בשבת יום שני בשבת א. ז. וו. כדי יעדער יוד זאל אַ גאנצע וואך אין זינען האבען צו טון די מצוה פון שבת ער זאל פאַרבערייטען די בעסטע מאכלים אויף שבת אזוי ווי עס שטעהט אויך אין דער גמרא (שבת קי"ח ע"ב) דער וואס ער איז מענג דעם שבת דעם גיט השי"ת וואס זיין האַרץ פערלאנגט און מיר געפונען אויך אין דער גמרא (ביצה ט"ז ע"א) אַז אַלע אויסגאַבען פון איין גאַנץ יאָהר בעשטימט השי"ת אין דעם טאג פון ראש השנה חוץ די הוצאות פון שבת וויפיעל יעדער יוד גיט אויס דאס גיט איהם השי"ת עקסטער, אויך שטעהט אין דער גמרא (שבת שם) אַז דער וואס איז מקיים מצות שבת איז ער זוכה צו עשירות און דאָרט ברענגט די גמרא פיעל מעשיות פון די וואס זיי האבען מכבד געווען דעם הייליגען שבת און זענען דאַדורך גרויסע עשירים געוואָרען.

אויך געפונען מיר אין מגילת אנטיוכס און אין מדרשים און אויך אין דער וועלט-געשיכטע אַז פיעלמאָל האָבען די שונאי ישראל געוואָלט צווינגען די יודען זיי זאָלען מחלל שבת זיין אָבער די יודען האָבען זיך מוסר נפש געווען און האָבען זיך בעהאַלטען אין היילען זיי זאָלען דאָרטען קענען אָבהיטען שבת און פיעלע האָבען זיך געלאָזט אומברענגען מען האָט זיי געברענט אין פייער און זייער בלוט איז פערגאָסען געוואָרען און האָבען נישט געוואָלט מחלל שבת זיין דאַדורך דאַרף יעדער יוד געוואָרנט זיין ער זאָל מקיים זיין די מצוה פון שבת אַזוי ווי עס שטעהט אין דער הייליגער תורה ובזכות זה וועלען מיר זוכה זיין צו דער גאולה שלימה בב"א.

# מאכלות אסורות

דער איסור צו עסען אַ מאכל וואס עס איז נישט כשר איז זעהר גרויס און דער עונש פון דער עבירה איז אויך זעהר גרויס און עס שטעהט אויך אין רמ"א

# יד האמונה

(יו"ד סי' פ"א ס"ד) אַז אַיין עסען וואָס עס איז נישט כשר פֿערשטאָפּט דאָס יודישע האַ"ץ און מאַכט אין איהם אַיין שלעכטע נאַטור, דאַריבּער דאַרף יעדער יוד געוואָרנט זַיין ער זאָל נישט עסען נאָר דאָס וואָס עס איז שטרענג כשר.

מיר געפֿונען אין דער גמרא (סוטה דף י"א ע"ב) אַז די יודען זענען אויסגעלייזט געוואָרן פֿון מצרים אין דעם זכות פֿון נשים צדקניות. די פֿרומע ווייבער זענען געגאַנגען וואַסער שעפּען האָט הקב"ה זיי צוגעשיקט אין זייערע קריגלעך האַלבּ וואַסער און האַלבּ פֿיש. האָבּען די ווייבער דאָס געקאָכט און צוגעטראָגען צו זייערע מענער וואָס זיי האָבּען געאַרבּייט אין די פֿעלדער. דאַרפֿען מיר פֿערשטעהן פֿאַר וואָס האָבּען די ווייבער געהאַט פֿאַר דעם אַזאַ גרויסען זכות, די ערקלערונג פֿון דעם איז אַזוי, אַז די יודען זענען געווען אין מצרים האָבּען זיי נישט געהאַט וואָס צו עסען נאָר טריפות, די פֿרומע ווייבער האָבּען אָבּער נישט געוואָלט אַז זייערע מענער זאָלען טריפות עסען ווייל זיי האָבּען געהאַט בקבלה פֿון אונזערע עלטערן אברהם יצחק ויעקב וואָס זיי האָבּען מקיים געווען די גאַנצע תורה אַזוי ווי עס שטעהט אין דער משנה (קידושין דף פ"ב ע"א) דערפֿאַר האָט הקב"ה זיי צוגעשיקט אין זייערע קריגלעך פֿיש וואָס דאָס איז אַיין כשר עסען האָבּען זיי דאָס געקאָכט און דאָס צוגעטראָגען צו זייערע מענער כדי זיי זאָלען נישט דאַרפֿען עסען טריפות. און אין דעם זכות זענען זיי אויסגעלייזט געוואָרן פֿון גלות מצרים, ובפרט נאָכדעם ווי מיר האָבּען מקבל געווען די היילִיגע תורה און מיר זענען שטרענג געוואָרנט געוואָרן מיר זאָלען נישט עסען טריפות דאַרף אַדאי יעדער יוד נזהר זַיין פֿון דעם גרויסען איסור און זאָל נישט עסען נאָר דאָס וואָס עס איז שטרענג כשר און בּיי אַזאַ יוד וואָס ער איז בּעקאַנט אַז ער איז זיכער אַיין פֿרומער יוד און האָט נאמנות. און נאָך מעהר דאַרף מען נזהר זַיין ווען מען קומט אין אַיין פֿרעמד אָרט ובפרט אין אַיין קור־אָרט דאַרף מען זעהר פֿיעל נאָכפֿרעגען ווער עס האָט נאמנות אויף כשר'ע מאכלים אַזוי ווי אַז אַיינער וויל געלד בּאָרגען פֿרעגט מען גוט נאָך אויב דער מענש איז אַיין בטוח און האָט כאַראַקטער און כל זמן מען האָט אויף דעם מענש נישט געהאַט אַיינע געגויעע אויסקונפֿט וויל מען איהם נישט בּאָרגען, אַזוי דאַרף מען גוט נאָכפֿרעגען בּיי וועלכען יוד מען מעג בודאי עסען ובזכות זה וועלען מיר אויך אויסגעלייזט ווערן פֿון אונזער בּיטער גלות.

# יד האמונה

## איסור נדה

דער איסור פֿון נדה און דער עונש פֿון דעם איסור זענען זעהר גרויס אַזוי ווי עס שטעהט אין דער תורה (פ׳ קדושים) איין מאַן אָדער פֿרוי וואָס זיי זענען עובר אויף דעם איסור נדה זענען זיי חייב כרת, און עס שטעהט אויך אין דער גמרא (שבת ל״א ע״ב) איין אשה וואָס זי איז נישט געוואָרנט אָבצוהיטען דעם איסור נדה קאָן זי ח״ו שטאַרבען ביי דער געבורט, אויך שטעהט אין דער גמרא (שבת י״ג ע״ב) עס איז געוועזען איין תלמיד חכם וואָס ער האָט פֿיעל תורה געלערנט און איז יונג געשטאָרבען האָט זיין ווייב גענומען זיינע תפילין און איז מיט זיי געגאַנגען אין די שוהלען און אין די בתי מדרשים און האָט געפֿרעגט די חכמים: עס שטעהט אין דער תורה אַז דער מענ״ש וואָס ער לערנט תורה לעבט לאַנג און מיין מאַן האָט פֿיעל תורה געלערנט פֿאַרוואָס איז ער אַזוי יונג געשטאָרבען, האָט מען זי געפֿרעגט ווי אַזוי האָט זיך דיין מאַן מיט דיר נוהג געווען אין די נדה-טעג האָט זי געענטפֿערט ער האָט מיך אין דער צייט אפילו ביים קלענסטען פֿינגער נישט אָנגעריהרט האָט מען זי ווידער געפֿרעגט ווי אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען אין די זיבען ריינע טעג פֿאַר דער טבילה, האָט זי געענטפֿערט דאַמאָלס האָט ער מיט מיר געגעסען און געטרונקען און האָט מיך אָנגעריהרט, האָט מען איהר געזאָגט געלויבט איז השי״ת וואָס ער האָט איהם מיט רעכט געמשפט.

און עס שטעהט אויך אין ספר הברית עס איז איין גרויסע סכנה צו וואוינען מיט איין אשה נדה און פֿיעלע קראַנקהייטען שטאַמען דערפֿון. און אין מדרש שטעהט דער וואָס ער וואוינט מיט זיין ווייב ווען זי איז איין נדה ווערט דאָס קינד וואָס עס וועט געבוירן ווערן נישט זיין געזונד, מיט דעם קאָן מען ערקלערען דאָס וואָס עס שטעהט אין מדרש (פ׳ תזריע) תן חלק לשבעה וגם לשמנה, תן חלק לשבעה אלו שבעה ימי נדה, וגם לשמנה אלו שמנה ימי מילה, וואָרין אַז מען איז מקיים די דינים פֿון נדה דאַמאָלס וועט דאָס קינד וואָס עס וועט געבוירן ווערן זיין געזונד וועט מען עס קענען מלה זיין צו די אַכט טעג אַזוי ווי עס שטעהט אין דער תורה.

און מיר געפֿונען אין דער גמרא (מעילה דף י״ז ע״א) און אויך אין מדרשים אַז פֿיעל מאָל האָבען די שונאי ישראל גוזר געווען אַז יודען זאָלען נישט האַלטען איסור נדה און די יודען האָבען זיך מוסר נפש געווען און האָבען נישט געהאַלטען די גזירה דאַן האָט השי״ת געהאָלפֿען אַז די גזירה איז געוואָרן בטל. אויך

נעפֿונען מיר אין מדרש אז ווען די יודען זענען געווען אין מצרים האבען די מצריים גוזר געווען אז די יודישע ווייבער זאלען נישט געהן טבילה־האבען, דאריבער זענען די מצריים געשטראפֿט געווארן מיט דעם וואס זייער וואסער איז געווארן בלוט ווארין אז די אשה נעהט נישט טבילה־האבען נאך איהר אומרייניגער צייט איז זי נאך טמא און אפילו זי באדט זיך אין די פֿיינסטע בעדער איז זי אויך נאך טמא ביז זי נעהט טבילה־האבען אין איין כשר'ע מקוה וואס זי שטעהט אונטער אויפֿזיכט פֿון איין רב, און מען דארף אויך וויסען אז עס איז דא פֿיעל דינים אויף איסור נדה דאדורך איז איין חוב אז יעדע אשה זאל לערנען אין ספר „מעין טהור" דאס ספר איז געדרוקט אין סידור „קרבן מנחה" אויף עברי טייטש און די אשה וואס פֿער־שטעהט דאס נישט דארף זי די דינים פֿון אנדער'ע לערנען, און ווען עס קומט איהר פֿאר איין שאלה זאל זי פֿרעגען איין רב זי דארף זיך נישט שעהמען דאס צו פֿרעגען ווייל מיר זעהן אז די פוסקים האבען געמאכט פֿיעל ספרים אויף די דינים פֿון נדה און האבען גאנץ עפֿענטליך די דינים געלערנט ווייל דאס איז פֿון דער הייליגער תורה. אין אז מען וועט מקיים זיין וואס עס שטעהט דא אין דעם ספר געשריבען וועלען מיר זוכה זיין צו אלעם גוטען בעולם הזה ובעולם הבא אמן.

## תם ונשלם.

# אגרת הרמב"ן

האגרת הזאת שלח הרמב"ן ז"ל מעכו לקטלוניא לבנו על הענוה וצוה בו שיקראנה פעם אחת בשבוע וילמדו גם אחרים עמו ויהיה רגיל בה בעל פה כדי לחנכם בילדותם ביראת שמים. (העתקתיו מס' מעולפת ספירים בסופו) :

שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך. תתנהג תמיד לדבר כל דבריך בנחת לכל אדם ובכל עת. ובזה תנצל מן הכעס שהיא מדה רעה להחטיא בני אדם וכן אמרו רבותינו ז"ל כל הכועס כל מיני גיהנם שולטין בו שנאמר והסר כעס מלבך והעבר רעה מבשרך. ואין רעה אלא גיהנם שנאמר וגם רשע ליום רעה. וכאשר תנצל מן הכעס תעלה על לבך מדת הענוה שהיא מדה טובה מכל המדות טובות שנאמר עקב ענוה יראת ה' ובעבור הענוה תעלה על לבך מדת היראה כי תתן אל לבך תמיד מאין באת ולאן אתה הולך ושאתה רמה ותולעה בחייך ואף כי במותך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך הכבוד. שנאמר הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך אף כי לבות בני אדם ונאמר הלא את השמים ואת הארץ אני מלא נאם ה'. וכאשר תחשוב את כל אלה תירא מבוראך ותשמר מן החטא ובמדות האלה תהיה שמח בחלקך. וכאשר תתנהג במדת הענוה להתבושש מכל אדם ולהתפחד ממנו ומן החטא אז תשרה עליך רוח השכינה וזיו כבודה וחיי עולם הבא. ועתה בני דע וראה כי המתגאה בלבו על הבריות מורד הוא במלכות שמים כי מתפאר הוא בלבוש מלכות שמים שנאמר ה' מלך גאות לבש וגו' ובמה יתגאה לב האדם. אם בעושר. ה' מוריש ומעשיר

כְּדֵי לְזַכּוֹת אֶת הָרַבִּים וֶועלֶען מִיר דָא בעזה"י מַעְתִּיק זַיין (אגרת הרמב"ן) עַל לָשׁוֹן אַשְׁכְּנַז. וָואס דֶער הקדוש והטהור המקובל רבינו משה בן נחמן זצ"ל גֶעשְׁרִיבֶּען הָאט צוּ זַיין זוּהְן (מֵעִנְיַן הָעֲנָוָה) :

(שְׁמַע בְּנִי מוּסַר אָבִיךָ. וְאַל תִּטּוֹשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ) מֵיין קִינְד פַארְנֶעם דִיא שְׁטְרָאף רַייד פוּן דַיין פָאטֶער. אוּנ פַארְלָאז נִישְׁט דִיא לֶערֶע פוּן דַיינֶע מוּטֶער. זָאלְסְט דִיךְ גֶעוואוֹינֶען אַלֶע מָאהְל צוּ יֶעדֶען מֶענְשׁ צוּ רֶעדֶען בְּנַחַת. דַאדוּרְךְ וֶועסְט דוּ נִיצוֹל וֶוערֶן פוּן כַּעַס. וָואס דָאס אִיז דִיא אַרְגְסְטֶע מִדָּה פוּן אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת. אַזוֹ וִויא דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען גִיזָאגְט (כָּל הַכּוֹעֵס וכו') אַן דֶעם בַּעַל הַכַּעֲסָן טוּט שׁוֹלֵט זַיין אַלֶע מִינֵי גֵיהִנָּם. אוּנ וֶוען דִיא וֶועסְט בעזה"י נִיצוֹל וֶוערֶען פוּן כַּעַס. זָאלְסְט זֶעהְן כָּל הִתְפַּעֲלוּת צוּ טוּהְן דִיךְ צוּ בֶּעגְרֵייפֶען אַן דִיא מִדָּה טוֹבָה פוּן (עֲנָוָה) דֶעמוּטְהִיגְקַייט. וַוייל דָאס אִיז דִיא בֶּעסְטֶע מִדָּה פוּן אַלֶע מִדּוֹת טוֹבוֹת. וּמִמֵּילָא דוּרְךְ דִיא חֲשׁוּבָה מִדָּה פוּן עֲנָוָה וֶועסְט דוּ קוּמֶען צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם. מַחֲמַת וָואס דִיא וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין פוּן וַואנֶען דִיא בִּיזְט גֶעקוּמֶען (מִטִּפָּה סְרוּחָה) אוּנ וִויא אַהִין דִיא וֶועסְט וִוידֶער צִירִיק גֵיין (לִמְקוֹם רִמָּה וְתוֹלֵעָה). אוּנ פַאר וֶועמְן דִיא בִּיזְט אָהְנְגֶעבְּרֵייט דִין וְחֶשְׁבּוֹן אָפּ צוּ גֶעבֶּען פַאר דֶעם מֶלֶךְ הַכָּבוֹד מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב"ה. אוּנ וֶוען דִיא מֵיין קִינְד וֶועסְט אַן דִיא דָאזִיגֶע זַאכֶען אֵייבִּיג דֶענְקֶען. אַזוֹ וֶועסְט דוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם. זִיךְ אֵייבִּיג צוּ פַארְכְטֶען פַאר הקב"ה. אוּנ וֶועסְט דִיךְ הִיטֶען פוּן צוּ זִינְדִיגֶען. אוּנ וֶועסְט אוֹיךְ קוּמֶען צוּ דִיא מִדָּה טוֹבָה פוּן הִסְתַּפְּקוּת. זִיךְ בֶּעגְנִיגֶען צוּ לָאזֶען מִיט אַלֶעס וָואס דֶער בּוֹרֵא ב"ה וֶועט דִיר בִּישֶׁעהְרֶען : זָאלְסְט וִויסֶען מֵיין קִינְד. וֶוען דוּ וֶועסְט דִיךְ אַלֶע מָאהְל נוֹהֵג זַיין בְּמִדּוֹת הָעֲנָוָה. אוּנ וֶועסְט דִיךְ הִיטֶען פוּן עֲבֵירוֹת. אַזוֹ וֶועסְט דִיא זוֹכֶה זַיין לְרוּחַ הַקּוֹדֶשׁ. אוּנ אוֹיךְ לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא. מֵיין קִינְד זָאלְסְט וִויסֶען. דָאס דֶער בַּעַל גַּאֲוָה טוּט מוֹרֵד זַיין בְּמַלְכוּת שָׁמַיִם. וַוייל דִיא אֶמֶתְדִיגֶע גַּאֲוָה גִיהֶער נָאר צוּ הקב"ה. אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט (ה' מָלָךְ גֵּאוּת לָבֵשׁ וגו'). אוּנ בֶּאֱמֶת מִיט וָואס הָאט זִיךְ דֶער מֶענְשׁ בְּגַאֲוָה

ומעשיר. ואם בכבוד. הלא לאלהים הוא. שנאמר והעושר והכבוד מלפניך ואיך מתפאר בכבוד קונו. ואם מתפאר בחכמה מסיר שפה לנאמנים וטעם זקנים יקח. נמצא הכל שוה לפני המקום. כי באפו משפיל גאים וברצונו מגביה שפלים. לכן השפל עצמך וינשאך המקום. ע"כ אפרש לך איך תתנהג במדת הענוה ללכת בה תמיד. כל דבריך יהיו בנחת וראשך כפוף ועיניך יביטו למטה לארץ ולבך למעלה ואל תביט בפני אדם בדברך עמו. וכל אדם יהיה גדול ממך בעיניך. ואם חכם או עשיר הוא עליך לכבדו. ואם רש הוא ואתה עשיר או חכם ממנו חשוב בלבך כי אתה חייב ממנו והוא זכאי ממך. שאם הוא חוטא הוא שוגג ואתה מזיד. בכל דבריך ומעשיך ומחשבותיך ובכל עת השוב בלבך כאלו אתה עומד לפני הקב"ה ושכינתו עליך כי כבודו מלא העולם. ודבריך יהיו באימה וביראה כעבד לפני רבו ותתבייש מכל אדם ואם יקראך איש אל תעננו בקול רם רק בנחת כעומד לפני רבו. והוי זהיר לקרות בתורה תמיד אשר תוכל לקיימה. וכאשר תקום מן הספר תהפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו

צוּ הַאלְטֶען. וָוען דוּרְךְ עֲשִׁירוּת. פַארְוָואהְר עֲשִׁירוּת קוּמְט דָאךְ נָאר פוּן הקב"ה. אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט (ה' מוֹרִישׁ וּמַעֲשִׁיר). וָוען וִוידֶער מֵחֲמַת כָּבוֹד. פַארְוָואהְר דֶער כָּבוֹד גִיהֶער נָאר צוּ הקב"ה. אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט (הָעוֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד מִלְּפָנֶיךָ). זָאל זִיךְ וִוידֶער אֵיין מֶענְשׁ וָועלֶען בְּגַאֲוָה הַאלְטֶען וַוייל עֶר אֵיין חָכָם אִיז. הֲלֹא פַארְוָואהְר דִיא חָכְמָה אִיז דָאךְ נָאר פוּן הקב"ה אוּנ וָוען עֶר וִויל טוּט עֶר דִיא חֲכָמִים פַארְנַארֶען אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט (מֵסִיר שָׂפָה לְנֶאֱמָנִים וְטַעַם זְקֵנִים יִקָּח) נִמְצָא דָאס פַאר הקב"ה זֶענֶען אַלֶע מֶענְשֶׁען גְלַאךְ. דִיא הוֹפִירְדִיגֶע מֶענְשֶׁען טוּט הקב"ה נִידְרִיג מַאכֶען. אוּנ דִיא נִידְרִיגֶע טוּט עֶר עֶרְהֵייבֶען: אִיבֶּער דֶעם מַיין קִינְד הַאלְט דִיךְ אַלֵיין פַארְשֶׁפֶּלְט. אַזוֹ וֶוערְד דִיךְ הקב"ה עֶרְהֵייבֶּען. וְעַתָּה אַצוּנְד מַיין קִינְד וֶועל אִיךְ דִיךְ אוּנְטֶערְרִיכְטֶען וִויא דוּא זָאלְסְט דִיךְ נוֹהֵג זַיין מִיט דִיא מִדָּה עֲנָוָה. דַיינֶע אַלֶע רֵייד צוּ דִיא מֶענְשֶׁען זָאלֶען אַלֶע מָאהְל זַיין בְּנַחַת. אוּנ דַיין קָאפּ אַרָאפּ גֶעבּוֹיגֶן. מִיט דַיינֶע אוֹיגֶען זָאלְסְט דוּ אַרָאפּ קוּקֶען: וּבִשְׁעַת דִיא וֶועְרְסְט רֶעדֶען מִיט אֵיין מֶענְשׁ. זָאלְסְט אִיהְם נִישְׁט אִין פָּנִים קוּקֶען. מֵחֲמַת עֲנָוָה אוֹיךְ יֶעדֶען מֶענְשׁ וָואס וֶועְרְסְט זֶעהְן זָאלְסְט אִיהְם הַאלְטֶען גְרֶעסֶער אוּנ חָשׁוּבֶער פוּן דִיר. דֶען אוֹיבּ יֶענֶער אִיז אֵיין חָכָם. אָדֶער אֵיין עוֹשֶׁר. אַזוֹ בִּיזְט דָאךְ מְחוּיָב מִצַד הַדִין אִיהְם בְּכָבוֹד צוּ הַאלְטֶען אִיז יֶענֶער וִוידֶער אֵיין עָנִי. אוּנ דִיא אֵיין עוֹשֶׁר. אָדֶער דִיא בִּיזְט מֶעהְר חָכָם פוּן אִיהְם. דַארְפְסְט אִיהְם מֵהַאי טַעְמָא בְּכָבוֹד צוּ הַאלְטֶען. וַוייל דִיא בִּיזְט מֶעהְר חַיָיב פוּן אִיהְם וַוייל וֶוען עֶר טוּט עֶפֶּעס אֵיין פֶעהְלֶער. אִיז עֶר גִירַאכְנְט וִויא אֵיין שׁוֹגֵג. אוּנ דִיא בִּיזְט גִירַאכְנְט פַאר אֵיין מֵזִיד:

(בכל דבריך) בֵּייא אַלֶע דַיינֶע רֵייד. אוּנ בֵּייא אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס וִוירְסְט וָועלֶען טוּהְן. זָאלְסְט אַלֶע מָאהְל טְרַאכְטֶען גְלַאךְ דִיא שְׁטֵייסְט אַצוּנְד פַאר הקב"ה (כִּי כְּבוֹדוֹ מְלֹא עוֹלָם) וַוייל זַיין כָּבוֹד אִיז פוּל אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט: אוֹיךְ אַלֶע דַיינֶע רֵייד זָאלֶען זַיין בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה. אַזוֹ וִויא אֵיין עֶבֶד פַאר זַיין הֶערר. פַאר יֶעדֶען מֶענְשׁ זָאלְסְט דִיךְ שֶׁעהְמֶען נִישְׁט צוּ אִיהְם הוֹיךְ צוּ רֶעדֶען. נָאר בְּנַחַת. גְלַאךְ דִיא הֶעסְט גֶעשְׁטַאנֶען פַאר דַיין רֶבִּי: זָאלְסְט זֶעהְן אֵייבִּיג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה וָועלְכֶע דִיא זָאלְסְט זִיא קֶענֶען מְקַיֵים זַיין. אוּנ יֶעדֶעס מָאהְל וָואס דִיא וֶועְרְסְט הָאבֶּען אוֹיסְגִילֶערְנְט. זָאלְסְט אַרַיין קוּקֶען אִין דֶעם סֵפֶר וָואס הָאסְט גִילֶערְנְט. אוֹיבּ דִיא קֶענְסְט דָאס מְקַיֵים זַיין. וָואס הָאסְט אַצוּנְד גִילֶערְנְט. זָאלְסְט זֶעהְן יֶעדֶען פְּרִיה אוּנ מָארְגֶען (מְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשִׂים) צוּ זַיין אִין דִיא מַעֲשִׂים פוּן דֶען טָאג צוּ אִיבֶּערְזִיכְטִיגֶען אוֹיבּ דִיא הָאסְט נִישְׁט דֶען טָאג עֶפֶּעס אֵיין פֶעהְלֶער גֶעטוּהְן. דַאדוּרְךְ

ווערסט

לקיימו. ותפשפש במעשיך בבקר ובערב. ובזה יהיו כל ימיך בתשובה. והסר כל דברי העולם מלבך בעת התפלה והכן לבך לפני המקום ב"ה וטהר רעיונך וחשוב הדבור קודם שתוציאנו מפיך. וכן תעשה כל ימי היי הבלך בכל דבר ודבר ולא תחטא ובזה יהיו דבריך ומעשיך ומהשבותיך ישרים ותפלתך תהיה זכה וברה ונקיה ומכוונת ומקובלת לפני המקום ב"ה שנאמר תכין לבם תקשיב אזנך. תקרא האגרת הזאת פעם אחת בשבוע ולא תפחות לקיימה וללכת בה תמיד אחר השם יתברך למען תצליח בכל דרכיך ותזכה לעולם הבא הצפון לצדיקים. ובכל יום שתקראנה יענוך מן השמים כאשר יעלה על לבך לשאול עד עולם אמן סלה :

וועֶרְסט זוֹכֶה זַיין (שיהי׳ כל ימיך בתשובה) וָואס אַלֶע דַיינֶע טֶאג ווֶעלֶען זַיין מִיט תְּשׁוּבָה: מַיין קִינְד בְּשַׁעַת הַתְּפִלָּה זָאלְסְט זֶעהְן פוּן דִיר אָבּ צוּ טוּהְן אַלֶע עִנְיָנִים פוּן דִיא וֶועלְט. אוּנ זָארְגְט זֶעהְן אָן צוּ גְרֵייטֶען דַיין הַארְץ פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ: פַאר יֶעדֶען דִבּוּר וָואס דִיא ווִילְסְט רֶעדֶען. זָאלְסט פְרִיעֶר טְרַאכְטֶען וָואס דוּא ווִילסט רֶעדֶען. אוֹיךְ פַאר יֶעדֶע זַאךְ וָואס ווִילְסט טוּהְן. זָאלְסְט פְרִיעֶר טְרַאכְטֶען אוֹיבּ דוּא דַארְפְסט דִיא זַאךְ צוּ טוּהְן. אוּנ וֶוען דִיא ווֶעסְט דִיךְ אֵייבִּיג אַזוֹ פִירֶען בַּייא אַלֶע דַיינֶע זַאכֶען. אַזוֹ וֶועסְט נָאר נִישְׁט דַארְפֶען צוּ קוּמֶען צוּ זִינְדִיגֶען. נָאר אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים ווֶעלֶען גֶעווִיס רַאכְטפַארְטִיג זַיין פַאר השי"ת. אוּנ דַיין תְּפִלָּה וֶוערְד רֵיין אוּנ לוֹיטֶער זַיין. אוּנ אָהְנגֶענוּמֶען זַיין פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. מַיין קִינְד אִיךְ גֶעבִּיטֶה דִיךְ זָאלְסְט דֶעם דָאזִיגֶען בְּרִיעף לְכָל הַפָּחוֹת יֶעדֶע וָואךְ אַיין מָאהְל דוּרְךְ לֵיינֶען. אַזוֹ וֶועסְט דוּא מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע ווֶעגֶען. אוּנ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין לְעוֹלָם הַבָּא (הַצָּפוּן לַצַּדִיקִים): אוּנ יֶעדֶען טָאג וָואס דוּא וֶועסְט דֶעם בְּרִיעף לֵיינֶען. וֶוערְד מֶען דִיר מִן הַשָּׁמַיִם עֶנְטְפֶערֶן. וָואס דוּ וֶועסְט פוּן אִיהְם פַארְלַאנְגֶען (מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן):